STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11847

BEGILUFN, FERGANGENE VELTEN

S. Z. Szpetman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זכר ימות עולם
בינו שנות דר ודר

שאל אביך ויגדך
זקניך ויאמרו לך...

בגילופין
פערגאַנגענע וועלטען

א) חסידים און חסידות
(ווי אזוי האָבען חסידים געלעבט...)

ב) 6 מאמרים — פאלקסטימליכקייט
(אידישע מאַמעס, קינדערלעך, זיהן, טעכטער, א.א.)

פון
הרב יהושע שפעטמאַן
תשי"א — 1951
לונדון

P A S T   W O R L D S
about
CHASSIDISM & FOLKLORE

———

נאָכדרוק שטרענג פאַרבאָטען.

RABBI S. Z. SZPETMAN
2, Sidney Square,
London, E.1, England.

SUPERIOR PRINTERS LTD. (T.U.), 11-13, NEW ROAD, E.1

הקדמה

זעהר חשובע לעזער, פריינד!

מיט דעם פארעפענטליכען די חסידישע ערצעהלונגען און מאמרים האב איך ניט געהאט די כונה צו שרייבען ליטעראטור, קולטור, אפילו ניט קיין חיבור, נאר פראסט פשוט, געוואלט פאראייביגען די זכרונות פון דער נאנטער פארגאנגענהייט, וועלכעס איז אונז אזוי ליעב הייליג און טייער, דעריבער קאן זיין אז עס פעהלט טיילמאל דער ליטעראַרישער סטיל, אבער איך האב מיך באמיהט, ווי ווייט מיין באשיידענער כח קען טוהן, צו געבען דעם נשמה הארציגען סטיל, דאס איז דער אמת׳דיגער סטיל, מעימקא דליבא.

די זכרונות פון חסידות און חסידישען לעבען, וועלכע זענען פאראייביגט אין די מעשות בגילופין, דערמאנט אונז, אין דער גרויסער שעהנער חסידישע באוועגונג, וועלכעס איז אנגעגאנגען בערך 200 יאהר אין מזרח אייראפא, דאס וויגעלע פון חסידות און פאלקס יודענטום וועלכעס איז ליידער אזוי אכזריות־דיג אויסגעראטעט געווארען דורך די עמלקים, טמאים נאצי דייטשלאנד, ימח שמם וזכרם, און אין די מאמרים, די 6 מאמרים געווידמעט דאס פאלקס יודענטום (געוועזען געדרוקט אין די לאנדאנער צייט 1945) זאל דאס בלייבען א מצבת זכרון, אנדענקונג נאך די 2 שעהנע זיילען פון יודענטום, חסידים און חסידות, פאלקס יודענטום און פאלקס אידען, אין מזרח אייראפא בכלל, און אין פוילען בפרט — אויך מיין טייערע היימאט שטאדט, לובלין—ירושלים דפוילען — דאס וויגעלע פון חסידות און פאלקס אידען...

זאלען די זכרונות זיין ביי אונז הייליג און טייער, א הייליגע ירושה איבערבלייבונג. א שארית הפליטה — זאל דאס לייענדיג, אונז דערמאהנען אונזער יונגע יאהרען, אונזערע שטעטלעך, אונזער לעבענס־וועג, וואנדערונגען, אונזער נצח ישראל — עם ישראל חי, — די גרויסע אונשטערבליכע גייסטיגע פאלקס כוחות — פאלקס יודענטום און חסידות.

הרב יהושע שפעטמאן, לונדון.

מחבר פון „ספר חבלי הנשמה ומוסר היהדות״ אין אידיש (איבער וועל־כען, דער באוואוסטער שרייבער דענקער ר׳ הלל צייטלין, הי״ד, האט געשריבען אין ווארשאווער „מאמענט״ תרצ״ט, 2 גרויסע מאמרים אבהאנדלונגען און־טערן קעפיל „א ניצוץ פון אלגעמיינעם אידישען נבואה גייסט), און 6 קונטרסים „האמת״, און גרייט צו צום דרוק א ספר אין אידיש „חבלי משיח, מלחמות גוג ומגוג ואור הגאולה.״

פורים ביי חסידים

פון שבת שקלים, האט זיך שוין אנגעהויבען די „הכנות" צו „שמחת פורים". די לופט אין שטעדטעל, און אין שטיבעל האט שוין געשמעקט פורים־דיג. עס איז שוין ניט געווען די קאלטע לאנגע נעכט, און געפרוירענע אייז לופט פון די שבט פרעסט, וואס האט טייל מאל שיעור ניט, די בגילופינ'דיגע שטיבעל יונגע לייט אין עצבות אריינגעווארפען. ווי יצחק'ל קונדאס האט זיי גערופען „די מתנגד'ישע נעכט." פון אדר האט שוין די זון מיט א ביסעל רחמנות און יושר געווארימט, און אנגעזאגט די גוטע בשורה, אז „משנכנס אדר מרבין בשמחה," אז עס קומען פריהלינג טעג, עס וועט זיין פורים אין שטעדטעל אמת'דיג ליהודים'דיג...

יצחק'ל קונדאס, א פרעהליכער בגילופנ'דיגער יונגערמאן, הויך, שלאנק, א יונגען זיידען פנים, א זעהר אנפין'דיגע נשמה צורה, וואס איז באדעקט מיט א אידישען חן, פון ערעלקייט, שמחה, אהבה און יראת שמים, איינגעפאסט אין שווארצע לאנגע געקרייזעלטע לאקען,פיאות; א קליין, ווייכע, שווארצע בערדל, מיט א לענגליך נעטאקטע באחנ'טע נאז, און יונגע קינדערישע ליפען; א הויכ־געקנייטשטער שטערען פון וואנען עס האט ארויסגעפינקעלט צוויי ליבליך בלאהע אויגען, וואס האבען אנגעזאגט ריינקייט, שמחה און פרעהליכקייט,— יצחק'ל קונדאס, האט לכבוד פורים איבערגענומען די גאנצע „קאמאנדע", און אונטער זיין „באפעהל", איז געווארען דורכגעפיהרט די גאנצע „עבודה"; די „סטראטעגיע" צו שאפען משקה וכל טוב אויף שמחת פורים, אז עס זאל זיין כיד המלך, מען זאל קענען טרינקען טאקע עד אשר לא ידע.. מען זאל זיין אמת'דיג בגילופינדיג, ווארום פורים איז ביי חסידים ניט נאר צוויי טעג, נאר אויך „שיתסר" און „שובסר". ר' מאיר'ל גבאי פלעגט זאגען, אז אויב עס איז דא א קשיא אין דער גמרא: אז „טאמער איז פורים, דעם 16־טען און 17־טען טאג אין אדר, איז א סימן אז חסידים ברויכען אויך די טעג צו זיין בגילופינדיג. אחוץ דעם, ווי איז מעגליך, אז פון אזא פרעהליכען יום טוב ווי פורים, זאל ניט זיין, דערנאך א אסרו חג און צו אזא גרויסען בגילופינ'דיגען יום טוב, האט זיך יצחק'ל געגרייט שוין פון שבת שמברכין ראש חודש אדר, צו דעם צוועק האט ער געארבייט מיט א גאנצען „שטאב", יונגע לייט און שטיבעל בחורים.

אלס ערשטען „סיגנאל" האט ער געגעבען א „פריקאז" צום זיידען ר' משה, בזה הלשון, העד נאר, משה,—יצחק'ל האט צו אלע גערעדט בלשון דו —

דעם שבת זאָלסטו משה זאָגען דיינע. — דאס האָט ער געמיינט די באָבע חוה עליה השלום — אז עס מוז זיין א קידוש, מיט דריי קוגלען: איינער לכבוד שבת, דער צווייטער לכבוד שבת שקלים, און דער דריטער, לכבוד ראש חודש אדר, און דערביי האט ער הלצה'דיג געזאגט, דיינע איז דאך א אשה צנועה, ברויכט זי צו זעהן אז דער דריטער קוגעל זאָל האלטען 50 איילען די לענג, א זכר אויף המנ'ס תליה. וועגען משקה האט יצחק'ל ניט געהאט קיין דאגה, ווארום פון ראש חודש אדר זענען שוין אלע ווישניקעס און אלע באהאלטענע בראנפענס, פון אלע שענקלאך און בוידימער, פון די בעל בתים פון שטעדטעל, געווען „הפקר", אריינגערעכענט אויך דעם פראפינאטערס שענק פון בראנ־פען. פאר יצחק'ל מיט זיין „חבריא", איז קיין באהאלטעניש נישט געווען. יצחק'ל פלעגט זאָגען, אז חסידים, מיט'ן כח פון שמחה של מצוה, מוזען קענען דריי זאכען: א גוטען ברודער פון „שאול תחתית" ארויסשלעפען; דעם היילי־גען געטליכען פונק, די „נציצות הקדושות" פון „מעמקים" פון טיפעניש פון אידישען הארץ אבזוכען; און א פלעשעל י"ש (בראנפען) פון „מסתרים" פארבארגעניש ארויסנעהמען... און וואס יצחק'ל האט געזאגט איז געווען קדוש וטהור, עס איז געווארען אויסגעפיהרט מיט דער גרעסטער פינקטליכ־קייט, און מיט א רעכטען מסירות נפש.

באלד פורים ביינאכט נאך דער מגילה, האט יצחק'ל א געשריי געגעבען, מעשה נאטשאלניק, „חברה מי לד' אלי". איהר אלע מוזט אייך ארויסלאזען אויפ'ן שטעדטעל, און ברענגט משקה מכל המינים. עס וועט ניט העלפען קיין תרוצים, „אין רחום בדין", „נעשה ונשמע" האבען אלע יונגע לייט געענט־פערט, און מיט א פרעהליכען „לחיים" און „שושנת יעקב", זענען זיי באנלייט געווארען, און זענען ארוים אין שטעדטעל, במשך א קורצע צייט, זענען זיי געווען צוריק, מיט כל טוב. חברה דערצעהלען הלצה'דיג „אותות ומופתים" ווי אזוי עס איז פארגעקומען די עבודה, און ווי „שווער" און „ביטער" מען האט געארבייט, ביז מען האט ביי דעם פראפינאטער ארויסגע'לקח'ענט א פלעשעל י"ש. יצחק'ל האט דעם גאנצען „שלל" אריינגעשטעלט אין „שלחן", און מיט א דאפעלטע שמחה האבען זיך די חסידים ארום דעם שלחן געשטעלט. יצחק'ל קונדאס האט געזאגט מילתא דבדיחותא, פורים־תורה, וויצען אויף דער מגילה, וועגען פרמשתא, דלפון און ויזתא, דער גרויסער ר' אהרן האט געזאגט חידושי תורה אין ענין פון סעודת מצוה, און שמחה של מצוה, די פורים סעודה איז דער זעלבער ענין ווי די סעודה המפסקת פון ערב יום כפור — יום כפורים כ־פורים, ווי פורים,ביידע וועלען בלייבען א אייביגער יום טוב ביי אידען.. אזוי איז מען איבערגעגאנגען ממדרגה למדרגה, פון איין שמועס צום צווייטען, ביז מען איז אריין אין היכל השמחה, אין עולים הניגון, און א ווארימע ליבליכע יום טוב שטימונג האט ארומגענומען אלע, ווי א הבדלה פלאקער. די התלהבות איז געווארען אלעם פייערדיגער און העכער, ווי א נצחון מארש האבען אלע

געזונגען דעם זמר „שושנת יעקב” צהלה ושמחה”, און א ריקוד'ל דעם שלחן געמאכט. אלע צוזאמענגעפלאכטען, אלט און יונג. פון גרויס שמחה איז יצחק'ן ארויף דעם גרויסען ר' אהרן אויף דעם אקסעל, מאיר'ל גבאי וואס איז געוועזן פארשטעלט אין א אלט זעלנעריש היטעל, מיט ר' שמואל חסיד וואס איז געגאנגען דעם פעלץ איבערגעדרעהט, אין א רעדעל פון די חברה „קונדסים” יונגוואַרג, מיט פורים מאסקעס פארשטעלט און פורים שפילער, וואס האבען געזונגען פרעהליכע חסידישע נגונים, און פורים שפילען, און צוגעקלאפט מיט די הענד און מיט גרעגערס טאקע, ליהודים היתה אורה שמחה וששון„ .

דער זיידע, ר' משה, האט געהאלטען הויך א פלעשעל י”ש, און האלב ערענסט, האלב בגילופינ'דיג, געשריגען, אט אזוי וועלען מיר אנטקעגען טאנצען דעם מלך המשיח...

פלוצלונג עפענט זיך די טיר, און עס באווייזט זיך די הויך, רויטע, בעל בתישע פוגאר, פון איציק פראפינאטער שענקער. נאך איהם, שלעפט זיך האלב פארשלאפען שיכור, איוואן דער שטאדט שוטר, א בלאנדער הויכער קאצאפ, א יוניש פאניע פנים, אין א ברייט לאנג זעלנעריש פעלצעל. איציק שרייט מיט א עשו קול: „אט איך וועל אייך ווייזען, וואס הייסט גנב'ענען פון שענ־קעל, איהר האט אנגעטראפען אויף מיר, און מיט די גראבע האריגע פליישיגע ידים, האט ער אנגעוויזען דעם „שוטר” וואס איז געבליבען שטעהן האלב מבויש'דיג. — (קענטיג אז איהם איז עפעס געפעלען די גאנצע מעשה און די ריקודים. מיט זיין פאניע נאז האט ער דערשמעקט דעם ריח פון ביטערען טראפען און עס האט זיך איהם געחשק'ט, צו מאכען א כוסה און א פרעהליך טענצעל)—אז ער זאל זיך נעהמען צו דער ארבייט מציל זיין נעבאך דעם נרדף, און שלעפען די חברה אין קאזע (טורמע) .די יונגעלייט האבען זיך תחילת דערשראקען, עפעס פארט א שוטר, נאר יצחק'ל קונדאס, — וועלכער איז בטבע קיין פחדן ניט געווען, און האט געקאנט אביסעל זייער לשון, ווייל זיין שווער האט געהאנדעלט מיט פריצים, — האט א געשריי געטון: חברה, ווערט ניט וואכעדיג, זייט ניט קיין ויזתא'ס, זייט ניט קיין פחדנים; פחדו חטאים, זינדיגע שרעקען זיך; אבער א חסיד דארף אפילו פאר'ן מלאך המות קיין מורא ניט האבען. פאלט ניט אריין אין עצבות, ווי זינגט מען ביי אונז חסידים: „עס איז אוועק דער נעכטען, עס איז נאך ניטא דער מארגען, ווי לאנג עס איז דא א פיצעלע היינט פארברענגט איהם ניט אין זארגען. כאפט אריין א שנעפסיל ווי לאנג איהר זענט אין לעבען, אז איהר וועט ניט נעהמען וועט מען אייך ניט געבען”... און דערביי ווענדעט ער זיך צו איציק פראפי־נאטער; וואס מיינסטו איציק, אז מיר זענען ווי ר' אברהם דער שטאדט מגיד, אז א שייגעץ גיט איהם א טשעפע ארער אז ער זעהט א שוטר, ווערט ער איינגעבויגען ווי צו „מודים” און „בדחילא ורחימא”. מיט א יהי רצון זאגט ער „הריני מקבל עלי עול גלות”. ניין א חסיד איז ניט אין גלות נישט ביים

גוף און נישט ביי דער נשמה, נישט ביי אידען... און ניט ביי גוים... ווי האבען מיר געלייענט היינט אין דער מגילה... ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה". מרדכי בויגט זיך ניט פאר המנ'ען. דו איציק, ווייסט, אז מיר האבען נישט דעם עול דרך ארץ, מיר זענען דיך מיט דעם שלעפעריגען שוטר, מבטל כעפרא דארעא מיר הערען אייך,ביידע ווי המן דעם גרעגער, דו מיט'ן שוטר וועט אוועק מיט צובראכענע ביינער.

חברה קונדסים, זענען געווארען לעבעדיג, און האבען שוין פארשטאנען דעם רמז פון די דאזיגע ווערטער, און אט פליהט א האנדטוך און פארלעשט די ליכט ביי דעם ארון קודש און גלייך א טלית, דעם שוטר אין קאפ.

דער שוטר ווערט פארטומעלט, ער פיהלט, אז ער איז אריין עפעס אין א שלעכט געשעפט. ער ווערט שטארק בייז און לאזט אויס זיין גאנצען כעס צו איציק'ן וואס האט איהם אבגענארט. ער, דער שוטר, איז געזעסען אין קרעטשמע, מיט א קאמפאניע פויערים און גע'שיכור'ט, קומט צולויפען דער איציק און שלעפט איהם ארויס, צו געהן אבנעהמען א גנבה. — מיך אזוי אבנארען, איך וועל איהם שוין ווייזען, וואס מען מיינט אבנארען „נאטשאלס־טווא", „טשעסטנאיע סלאווא" (מיין עהרען ווארט) א „פראטאקאל", וועל איך אויף איציק'ן מאכען. און צו די חסידים ווענדעט ער זיך מיט א טאן פון מפיים זיין, „דזשידזע חאסידע דאווייטע וואדקע" און אין א האלב צובראכע־נעם אידיש זאגט ער איבער: אידען חסידים גיט בראנפען. יצחק'ל קונדעס שרייט אויס, חברה! זעהט איהר, אז מיר האבען דעם שוטר מהפך געוועזען, „מדין לרחמים". אויך ווען דער מלאך המות זאל קומען צווישען חסידים וואלט ער זעלבסט די שווערד צובראכען... על כן, גיט דעם שוטר אביסעל י"ש, וועט ער זיך אבטראגען. יצחק'ל צינדט אן די ליכט, און איז מכבד דעם שוטה מיט א כוסה, ער ווערט מלא שמחה און בעט נאך א גלעזעל, מען גיט איהם צו א גרויסען המן־טאש, און אין צובראכענעם אידיש זאגט ער: חיים, חיים! ווישט זיך אב די וואנסען און שווערט ביי ווייב און קינדער, אז ער האט ליב אידען... אלע המנ'ס זאלען שטארבען—האט ער זיך עניוות'דיג געבויגען. און געזאגט: גוטע נאכט דאברי חאסידו...

איציק האט געזעהן אז ער וועט האבען אזא סוף ווי המן, און שטארק דערשלאגען, פארטומעלט, האט ער זיך אנגעהויבען ביסלעכווייז ארויסצורוקען, כל זמן ער האט נאך גאנצע ביינער. נאר, חברה קונדסים האבען פארשלאסען די טיר, און יצחק'ל זאגט: מען מוז דעם פראפינאטער מאכען א „משכנתא". א איד וואס ברענגט א שוטר צו חסידים, אזוי מחלל השם צו זיין, מען מוז איהם אויסלערנען, אז ער זאל פארזאגען קינדער און קינד'ס קינדער, מיט וועמען מען מעג טשעפען, אפילו מיט'ן רב און רביצין, און ראש הקהל, נאר ניט מיט חסידים. תוך כדי דיבור. דער פראפינאטער ליגט שוין אויף דעם שלחן אויסגעצויגען, מיט א גארטעל די פיס צוגעבונדען, און יצחק'ל קונדאס זאגט

הלצה׳דיג, חברה, איך בין אייך איהם מקדיש, טוט ווי ביי א קרבן, לעגט ארויף די הענד אויף דעם קאפ פון דער בהמה, און גיט איהם „מלקות."

דער פראפינאטער האט געמוזט שווערען ביי „באָרד" און „פיאות" אז ער וועט שוין מעהר אזא שטות ניט טאָן, און האט געגעבען חי פעמים חי (אכצעהן מאהל 18 גולדען אויסלייז געלד) אויף תיקון און בבושת פנים גע־מאכט פליטה ווי א גנב. יצחק׳ל איז געווארען פון דעם נאך מעהר בגילופינ־דיג ,און ס׳איז געווארען נאך מעהר ליהודים׳דיג. עס איז שוין געוועזן והשתיה בדת, ביז דעם גרויסען טאג, ווען זיי זענען געגאנגען אביסעל זיך דערפרישען דעם גוף און דעם מח, מען זאל קענען אויפנעהמען די וויטערדיגע שמחה פון פורים בייטאג, מיט מעהר התלהבות און בגילופינדיג.

ערב פסח'דיגע מצות באַקען

ווער עס האט ניט געזעהן די שמחה פון מיין זיידען, עליו השלום, ערב פסח ביי די מצות באַקען, דער האט קיין שמחה ניט געזעהן, ער אליין פלעגט זאגען אז די שמחה איז ביי איהם נאך א המשך פון פורים, די האמען טאשען און די ערב פסח'דיגע מצות באַקען האבען איין ענין, א ענין פון שמחה בגילופין'דיג פרייליך פריי, בטבע איז מיין זיידע תמיד געווען בגילופין'דיג. מיט זיין געטאקטע קיילעכדיגע הערליכע צורה, מיט די ווייס זילבערנע באַרד וואס האט באצירט מיט א פאטריארכאלישען חן דעם צלם אלקים און די צוויי שווארצע פייערדיגע אויגען, ווי נשמה ליכט, האבען פארדאפעלט דאס שעהנ־הייט פון דעם גרויסען געקנייטשטען שטערען און א באזונדערען מזרח חן צוגעגעבען, און א אויסדרוק פון חסד טוב ומטיב'דיגען מילדקייט, צוזאמען מיט א ערנסטע שמחה'דיגע דענקען, ווי ער קומט איצט פון א שפאציר אין אנדערע וועלטען, עולם הבא און עולם הניגון. נאר, לכבוד די ערב פסח'דיגע מצות באַקען, איז ער נאך שעהנער און פרעהליכער געווארען, דאס גאנצע פנים איז באנייט געווארען מיט א ערב פסח'דיגע נשמה יתירה, און אויסגע־זעהן ווי א נייע גע'כשר'טע כלי. אזוי מוז אויסזעהן אליהו הנביא, ווען ער קומט טרינקען דעם כוס פסח ביי נאכט.

א טאג פאר ערב פסח, האט ער שוין געמאכט די הכנה, שוין געווען בגילופין'דיג, און ווען די באבע חוה, עליה השלום, האט ווי א אידענע גע־זאגט, געמאהנט, געטענה'ט, צו עס משה, אפשר האסטו נאך עפעס געלד, מען ברויכט נאך דאס, מען ברויכט נאך צו האבען, עס איז ערב פסח,— וואָרום צו א האלבען פסח האט שטענדיג מיין זיידען געפעלט—פלעגט ער איהר ענטפערען, און צניעות'דיג רופען מיט דעם יום טוב'דיגען נאמען, חיה'לע, הייגט בין איך גרעסער ווי דו, איך בין א „מלך", און אויך א „מלכה" דערצו, איך האב אלע מעלות פון א „באבע", איך קען באקען, קנעטען, וועל־גערען, איך בין דער גאנצער „מייסטער" ביי די ערב פסח'דיגע מצות באַקען, די חסידים האבען מיך געקרוינט מיט דעם נאמען „קאמאנדער פון די ערב פסח'דיגע מצות באקען". די ווערטער האבען מיין באבען אביסעל באפרידיגט, און זי האט בא'חן'ט מיט איהר צניעות'דיגע לענגליך פנים, צוגעשאקעלט, געבענטשט, זאלען מיר דערלעבען איבער א יאהר, זאלסט זוכה זיין צו דער־לעבען איבער א יאהר צו זיין אין ירושלים, מאכען דאס קרבן פסח אין בית המקדש, אויף דער ברכה האט דער זיידע געענטפערט: אמן, צוגעלייגט דעם

וואונש: צוזאמען מיט דיר און כל ישראל מיט געזונד. די ברכה האט איהם שוין באפרייט פון צו געבען איהר א ממשות׳דיגען ענטפער. ער האט זי בארוהיגט און געזאגט, חיה׳לע, זיי פרעהליך, האב בטחון, אז מיר לעבען ברוך השם, איז שוין דא דער גאנצער פסח, עס וועט זיין א פרעהליכער פסח. און דערביי האט ער איהר מפייס געווען, און מטריח געווען אבצוזוכען נייע קלארע ריינע זייערס צום מצה וואסער.

פארנאכט, בין השמשות צייט, ווען די חסידים זענען געגאנגען צו דער בית המדרש ברונען נאך מצה וואסער, איז דער זיידע געגאנגען פארויס, ווי א קאמאנדער פאר זיין חיל, געטראגען הויך די פסח׳דיגע וואסער עמערס, מיט פאראד און געזאנג, האבען אלע חסידים געזונגען א פרעהליכעס, דעם רבין׳ס ניגון, א קאזאק׳ל, דער זיידע איז געווען דער גלאוונער „מחותן”, דער גאנצער „קאפיל מייסטער”.

דאס גאנצע שטעדטעל איז געווען אויף די פיס, אלע זענען געקומען קוקען, און האבען א פארגעניגען פון דער חסידישער שמחה, מיט גרויס דרך ארץ האבען זיך אלע מיטגעפרעהט, אפילו די „לאבוסעס”, די וואויל־יונגען פון שטעדטעל, וואס האבען ניט געלאזט געהן מיט א חופה צום בית המדרש, ביז מען האט זיי פריהער געגעבען זייער רח״ש, א גוטען שנאפס, זענען אויך איצט געשטאנען מיט גרויס דרך ארץ, און מיט גרויס יראת הכבוד זיך צוגעקוקט צו דער חסידישער שמחה, אויך דער רויטער חיים דער שמייסער, וואס האט שטענדיג אנגעפאיעט זיין פערד ביי דער בית המדרש ברונען, דוקא צו מנחה צייט, און האט הנאה געהאט צו זעהן, ווי די אלטע אידען שרעקען זיך פאר זיינע ברייטבייכעדיגע פערד ווען זיי דרעהען מיט זייערע לאנגע האריגע עקען... האט אויך דעם בין השמשות מיט א באזונדערע הכנעהדיגע דרך ארץ געווארט, ביז די חסידים זענען מיט דעם מצה וואסער אוועק פון דער ברונען, און מיט גרויס קנאה, איז ער געשטאנען און געקוקט, צו די רקודים פון די חסידים, און זייער אחדות׳דיגער שמחה. ער טראכט זיך, אט דאס איז אמת׳ע גוט־ברודערשאפט, אט אזוי איז גוט צו מאכען א שנעפסעל... זיי זענען שעהנע וואסער טרעגער...

מיט גרויס התלהבות שעפט דער זיידע דאס וואסער פון דער ברונען, און גיסט דורך די ריינע זייערס אין די יום טוב׳דיגע נייע עמערס, אלע העלפען צו, דערנאך טיילט מען יעדען א כוסה פסח׳דיגען בראנפען, מען זאגט זיך א ליבליכען לחיים, מען מאכט א פרעהליכען ריקוד, א אמתע שמחת בית השואבה רקידה, „ושאבתם מים בששון”, די געזאנגען און התלהבות׳דיגע ריקודים פילען אן די לופט, און ווערען פארטראגען ווייט, ווייט, גלייך מיט די לעצטע בין השמשות׳דיגע שקיעה שטראהלען... אלע פון שטעדטעל, אידען און גויים, שטעהען און באוואונדערען מיט גרויס אכטונג די חסידישע שמחה. דער שטאדט שוטר שטעהט פארקלערט, פארוואונדערט, מיט די גראבע

פליישיגע פינגער קראַצט ער די לאַנגע קודלעוואַטע האָר פון דעם גרויסען
יונ׳ישען קאָפּ, ער קען גאָר ניט פאַרשטעהן דאָס בילד, אַ קאַמפּאַניע מאַכען
אַ שנאַפּס, מען טאַנצט און דאָך ליגט קיינער ניט אין דער בלאָטע, וועלכע
איז צוליב דעם ערב פסח׳דיגען וועטער דאָ בשפע, אַרום דער ברונען, מען
שלאָגט זיך ניט, מען איז ניט שיכור, מען שטעכט זיך ניט, עפּעס הערט
ער ניט קיין באַוואוסטע גנב׳ישע שיכור׳ע ווערטער... ווי שטיל, ווי אָרענטליך.
אַז ער זאָל ניט האָבען קיין שטאָך אַרבייט, איז ער ניט געוואוינט צו זעהן.
דאָ רעדט מען גאָר צו גאָט, מען מאַדליעט זיך... און די חסידים טאַנצען
ביז דער שטוב פון ר׳ יעקעל דער שטיבעל־גבאי, אין דער ריין אויסגעקאַלעכטע
יום טוב׳דיג ברוח׳דיגע שטוב, וואו עס שטעהען שוין גרייט גרויסע לאַנגע
טישען פון ווייסע נייע ברעטער, און ריינע גלאַנציגע קופּערנע בעקענס בליש־
צען פון דעם גרויסען יום טוב׳דיגען אויווען אַראָב, דאָ שטעלט מען דאָס מצה
וואַסער, דאָ וועט מען מאַרגען באַקען די מצות־מצוה. מיין זיידע זאָגט אַ טיפען
שמועס וועגען ענין פון „חמץ" און „מצה". ער גיט צו פאַרשטעהן, אַז עצבות,
עצלות, מחלוקת איז „חמץ", זויערטייג און גלות׳דיג; שמחה, אחדות, זריזות
איז „מצה" און גאולה. דאָס חמץ מוז מען אויסראַמען פון אַלע חדרים, פון אַלע
ווינקעלעך, פון טיפעניסען פון מענשען, אינגאַנצען, מען טאָר ניט איבערלאָזען
אַ „משהו", מען מוז אויסראַמען אַלע חמץ׳ען, תאוות און מידות רעות, און
מבטל זיין אַלעס „כעפרא דארעא", און נאַכהער קען מען מיט דעם התלהבות׳־
דיגען געטליכען פייער אויסבאַקען די „מצות", די שמחה... דער שמועס האָט
די חסידים אַ ביסעל אין אַ ערנסטקייט אַריינגעבראַכט, און דאָך כדי ניט
אַריינצופאַלען אין עצבות, האָט דער זיידע געענדיגט מיט אַ פרעהליכען ניגון,
מיט אַ זמר, „אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב", און אָנגעזאָגט מיט אַ באַפעהל פון אַ
קאָמאַנדיר, דאָס מאָרגען נאָך 12 אַזייגער זאָל יעדער קומען דאָ העלפען צו די
מצות באַקען.

ערב פסח אין דער פריה האָט דער זיידע אין שטיבעל געמאַכט אַ „סיום"
אויף דעם חמץ׳דיגען בראָנפען, און אָנגעהויבען די הכנה. ער האָט איינגעהייצט
דעם אויווען צו די מצות באַקען. נאָך 12 אַזייגער זענען אַלע חסידים געקומען
אין די יום טוב׳דיגע מלבושים. דער זיידע קאָמאַנדעוועט מיט זיי, ווי אַ נאַט־
שאַלניק, גיט יעדען זיין אַרבייט, דער זאָל וועלגערען, דער זאָל קנעטען. דעם
אַלטען דיין ר׳ בערעל האָט ער געמאַכט פאַר אַ וואַסער־גיסער, און דער זיידע
אַליין איז געווען דער וואָס האָט אַלע צוגעהאָלפען: איז די „מייערע" געווען
צו לויז, האָט ער זי צוגעקנאַטען, האָט אַ חסיד ניט געקענט גוט אויסוועלגערען,
האָט ער צוגעהאָלפען, און אויך האָט ער געהאָלפען געבען די מצות אין אויווען
אַריין. ער האָט אַלעס געקענט, קנעטען, וועלגערען, באַקען, אַ קוגעל מאַכען, און
אויך לאַקשען וועלגערען, און פיש קאָכען, דאָס איז שוין געווען זיין התנהגות,
ווען ער איז געווען ביים רבי׳ן, איז ער געווען דער גאַנצער קאָכמייסטער. ער

האָט זיך דאָס ניט געלערענט, ער פֿלעגט זאָגען, אז דער עיקר איז „רצון", אז מען וויל קען מען אַלעס, אזוי איז אין „עבדות השם" און אזוי איז אין וועלט־ליכע ענינים, דער רצון קען אַלעס מאַכען, און ערב פסח האָט ער ארויסגעוויזען זיין גרויס בריה'שקייט, באַזונדערס האָט ער אכטונג געגעבען אויף דעם אַלטען דיין ר' בערעל, ווייל ער איז בטבע געווען א מתנגד, און ווי קומט צו א מתנגד ער זאָל קענען וואַסער גיסען, ער איז שטענדיג עוסק אין לערנען, אין די ד' אמות של הלכה, האָט דער זיידע צו איהם געזאגט: ר' בערעל, טראַכט ניט איצט וועגען תשובה, זייט ניט פֿאַר'דאגה'ט, איהר האָט היינט ניט געזאגט „תחנון", און דעם לאַנגען „והוא רחום", זייט בגילופֿינ'דיג, מיט אייער קאַלט־קייט קענט איהר נאָך דעם אויווען אָבקיהלען, און ווייסט אז איהר גיסט וואַסער אין א „מייערע", אין דעם זכות וועט איהר זוכה זיין צו קענען גיסען משקה ביי די חסידים אויף דער מלוה מלכה. אַלע האָבען זיך צולאַכט, נאָר ר' בערעל איז געבליבען עפּעס ווי מבויש'דיג. דער זיידע האָט געזאגט גאַנץ הלל, מיט א פסח'דיגען פֿרעהליכען ניגון, אַלע האָבען מיטגעזאָגט, מען האָט געזונגען „הודו" און „אנא" מיט דעם ניגון פֿון יום־כפור'דיגען „תתקבל", עס איז געווען א גרויסע שמחה, אַז אַפֿילו ר' בערעל דיין דער מתנגד איז אויך בגילופֿינ'דיג גע־וואָרען, ער האט דאָ געפֿיהלט פֿרעהליכקייט און פֿרייהייט בעסער ווי שמחת תורה אין זיין מתנגדישען שוהלכעל. די היץ פֿון דעם אויווען, דורכגעמישט מיט דעם התלהבות'דיגען הלל ניגון, איז אדורך דעם אָפֿענעם פֿענסטער, ארויס אויף דעם שטעדטעל, און האָט צוגעצויגען פֿיל מענשען. דער אַלטער שררה, וועלכער איז געווען א שטיקעל געלערנטער, האָט געהאַט א שטיקעל ידיעה אין אידישע ענינים, מחמת ביי איהם איז געווען א אידישער איינגעהער, ער איז ניט געווען א שונא ישראל, נאָר דאָך האָט ער מיט א פֿרומען נאַאיווען גלויבען געגלויבט וואָס מען פֿלעגט דערצעהלען, דאָס אידען ברויכען בלוט אין די מצות, דעריבער האָט ער געבעטען זיינע קינדער ניט צו געהן ערב פסח וואו די אידען באַקען מצות... איצט ווען ער איז דאָ און קוקט דורך דעם פֿענסטער, און זעהט דאָס פֿרעהליכקייט, און הערט דעם הלל זאָגען, טראַכט ער: ניין, די מענשען זענען ניט פֿעהיג צו נעהמען קיין בלוט, אַזעלכע מענשען וואָס טרינקען שנאַפּס און זענען ניט שיכור, אזאַ הארציגער דאַווענען, ניין, אַזעלכע מענשען קענען ניט דינען גאָט מיט צאַפּען בלוט, ניין, עס קען ניט זיין, עס איז געווים א ליגען... און מיט א צופֿרידענע באַרוהיגונג איז ער פֿון פֿענסטער אַוועק.

פֿון מינוט צו מינוט איז די אַרבייט געגאַנגען שנעלער און התלהבות'דיגער. דער זיידע האט אַלע ווײַלע אַן אַנדערען אויפֿגערופֿען מיט א יום טוב'דיגען „יעמוד", דאָ צום קנעטער, יעמוד ר' אברהם, א ביסעל ריהרעוודיגער, לעבעדיג, א חסיד דאַרף קענען ניט בלויז דאַווענען בחיפזון, געשווינד, נאָר אַלעס בחיפזון. דאָ שרייט ער צום שיבער, יעמוד ר' פנחס, גיט אכטונג, אז די מצות זאָלען ניט זיין רויהע, און ניט פֿאַרברענט. יעמוד ר' שמואל, שרייט ער צו א חסיד וואָס

וועלגערט א מצה, און אַנשטאָט אַ קיילעכדיגע מצה, קומט זי אַרויס עפּעס לאַנג, אויסגעצויגען, איי ר' שמואל, ר' שמואל, אייער מצה קוקט אויס אזוי ווי א פּנים פֿון אַ דאַרען בעל תשובה. און אזוי האָט ער די גאַנצע צייט יעדען מיט אַן אַנדערען „יעמור" און „מי שברך" אויפֿגערופֿען, דאָס באַקען האָט געדויערט בערך צוויי שעה. ווען זיי זענען פֿאַרטיג געוואָרען, האָט מיין זיידע געזאָגט: זאָל מען מאכען אַ „תקיעה גדולה", דאס הייסט א גרויסען „לחיים". מען האָט געטרונקען א כוס, געזאָגט לחיים, און פֿאַרביסען מיט א פֿרעהליך ניגונ'-דעל, ווי א „תתקבל" ראש השנה נאָך שופֿר בלאָזען, און דאָס איז געווען דער אַנזאָג אין שטעטעל, אז עס איז דער יום טוב פֿון פֿרעהליכקייט און בני-חורין, און מיט נשמה'דיגע אחדות'דיגע צופֿרידענהייט האָט יעדער אהיים גענומען א פּאָר פֿריש וואַרימע געבאַקענע מצות צום סדר.

דער סדר ביי׳ם זיידען ר׳ משה

היילינגטום, שעהנקייט און פייערליכקייט, האט געבראכט דעםברייטען פרעהליכען „גוט יום טוב״, וואס דער זיידע ר׳ משה האט געזאגט, ווען ער איז געקומען פסח ביינאכט, פון חסידים שטיבעל. ווי גוטע מלאכים, מיט געזאנג און הערצליכע ליבליכקייט, האבען איהם באגלייט, און דאס איז געווען די הכנה צום „פראוּוען״ דעם סדר און הגדה זאגען. אלע, די גאנצע פאמיליע, אלט און יונג, זיהן, טעכטער, איידעמס, שנירען, אייניקלאך און עטליכע אורחים, זענען געווארען צוזאמענגעגאסען אין איין התלהבות׳דיגע ווארימקייט ווי א הבדלה פלאם. יעדער האט בייגעטראגען זיין „חלק״ צום „סדר״; די עלטערע, מיט זייערע קדושה התלהבות׳דיגע, מלכות׳דיגע, מאיעסטעטישע ערנסטקייט, די יונגערע, זייערע יונגע בליהענדע נשמה׳לאך און גלוסט פון לעבען און געזאנג.. באזונדער הייליג ריין־שעהן מלכות׳דיג, זענען געווען די צורות פון די צוויי עלטסטע זקנים. דער זיידע ר׳ משה, און די באבע חוה — עליהם השלום. ער, דער „מלך״ מיט זיין הוד והדר׳דיגען זקנה חן, ווי דאס „פנים״ פון דער ליכטיגער לבנה אין א שעהנעם פריהלינג אבענד, פון וועלכען עס פינקעלט ארוים צוויי מילדע, ליבע בלישצענדע אויגען, ווי „שני מאורות הגדולים״; דער גרויז גראער קאפ האר, ווי דינע זילבערנע פעדים, וואס זענען באדעקט מיט א ווייסע זיידענע יארמולקע. ער געהט אין דער יארמולקע צוויי מאל אין יאהר: יום כפור און פסח. אויך די גרויסע ווייס זילבערנע בארד, וואס מאכט פאטריאכאליש בכבודיג מיט א מזרח חן דעם צלם אלקים. די באבע חוה, די „מלכה״, מיט איהר צניעות׳דיגע אידישע צורה, און בעל בתי׳שע אשת חיל־דיגע מוטערליכע ערנסטקייט און זארג פון א „עקרת הבית״ איז באדעקט מיט א פסח׳דיגע יום־טוב צופרידענקייט. אלע זיצען ארום דעם סדר טיש, וועלכער איז לכבוד פסח, געווארען פיל גרעסער און לענגער, דורך ספעציעלע נייע יום טובדיגע פסח ברעטער, און איז באדעקט מיט א נייעם פסח׳דיגען טישטוך, וואס אויף איהם שטעהען פארשידענע כלים און כוסות, מכל המינים. יעדע כלי מיט איהר באזונדערען טראדיציאנעלען פסח געשמאק און חן, דערצעהלט אויף „שטום־לשון״ פילע זכרונות פון פארגאנגענהייט, פאמיליען גאנצקייט, פיוט׳עט, בענקשאפט, און הייליגע אהבה טראדיציע.

אויבען אן זיצט דער זיידע אויף א ווייס, שעהנע הסבה בעט, אנגעטהון אין יום כפור קיטעל מיט דער יחוס׳דיגע זילבערנע עטרה, וואס פינקעלט פון דער שיין פון די יום טוב׳דיגע סדר ליכט, וועלכע בלישצען צוזאמען מיט די

פיל זילבערנע און מעשענע אבגעפוצטע ריינע לייכטער, נעבען איהם שטעהט די „קערה" אויף וועלכע עס ליגען די מכשירים: חרוסת, זרוע, איי, מרור, כורך, כרפס, וואס דער זיידע איז דאס „מסדר" מיט א געגויע פינקטליכקייט, און אויסגערעכענטקייט... ער לעגט יעדעס בנעימות'דיג, מיט כונות, טיפע ענינים, ווי א סופר שרייבט די אותיות און תגין אין א ספר תורה, אויף דער קערה ליגט א מצה־טאש, ווי א קרוין, א כתר, ס'איז דער זעלבער 60 יעהריגער מצה־טאש, וואס די באבע חוה האט דאס געמאכט א מתנה צום זיידען ווען זיי זענען חתן־כלה געווארען, ווען ער איז געווען 18 יאהר און זי 17, עס איז געהיטען מיט בלומען און ווערטער נעמען וואס זענען עדות אויף הייליגע צניעות'דיגע ליבליכקייט און פאמיליען גאנצקייט. ס'איז א שטיק „שיר השירים", „שלום", און „שולמית"...

נעבען איהם, רעכטס פון טיש, זיצט די באבע חוה די „מטרנותא", אין איהר וויס זיידענעם חופה קלייד, מיט די ווייסע יום כפור קאפקע, וואס איז באציהרט מיט א זילבערנע רייף, באזעצט מיט פיל בלישצענדע דיאמענטלאך. — די מלבושים זענען פון דער חתונה, שוין 60 יאהר, געהט זי זיי צוויי מאל אין יאהר, יום כפור און פסח צום סדר, מיט א ערנסטע הייליגע שטילקייט באגעגענען זיך די בליקען פון די צוויי זקנים, אלע פיהלען די ווארימקייט פון די בליקען, ווי זיי זענען דורכגענומען מיט א פאטערליכע ברכה און תפילה, ווי זיי באטראכטען אלע ארום דעם טיש, ווי צווייגען ארום א אלטען שטארקען סאסנע בוים.

דאס האט אין אונז אלע דערוועקט א הייליגע תשוקה, א טיפע בענקשאפט ווי מיט טויזענדער געהיימע פעדים אונז צוגעבונדען מיט אהבה צו די פאטריאכאלע זקנים, און אונז געצוואונגען צו קוקען אין די הדרת פנים'דיגע, הייליגע, גוטע, מילדע, ליבליכע מלאכים־צורות פון דער זיידע־באבע.

טיף אונענדליך, האבען מיר אנגעהויבען צו פארשטעהען דאס שליחות פון אליהו הנביא — פסח ביינאכט — צו פאראייניגען מיט ליבליכע יראת הכבוד דעם „לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם".

ביסלעכווייז הערען זיך שטילע, דינע טענער, ווי א קול דממה דקה פון א יונג טייבעלע, וואס שוועבט אין דער ריינע פרישער נאטור רוים, זוכענדיג איהר בן זיווג. עס זענען אבגעהאקטע טענער און קלאנגען, ווי מען קייקעלט פערל אויף גאלדענע טאצען. דאס זינגט דער זיידע. ס'איז דער אנזאג אז די עבודה, שירה, הלל, הויבט זיך אן. ער שוועבט יעצט אין „עולם הניגון", עולם המחשבות, זכר ליציאת מצרים, מיט די צארטע ווייסע פינגער גלעט ער דעם פיל געקנייטשטען שטערען וואס האט זיך שטארק באוואויגען. דער מח גרייט צו די טענער צו דער הגדה. עס זעהט אוים ווי אן אבקלאנג פון דעם ווי דוד המלך, דער ערשטער געזאלבטער מלכות'דיגער אונשטערבליכער קעניג, האט

געשפילט אויף זיין פידעל די געטליכע מוזיק צום ספר תהלים, און הלל הגדול — הללו־יה.

דער זיידע משה ווארפט א בליק צו דער באבע חוה און פרעגט מיט א צניעות'דיגען הייליגען חן, ווי א חתן וואס נעהמט רשות פון דער כלה... — חוה'שע, מיין עקרת הבית, קען מען שוין אנהויבען? אויף וואס די באבע חוה, מיט א באזונדערע צופרידענהייט פאר דעם יום טובדיגען טיטול, ענט־פערט, אז אלעס איז שוין צוגעגרייט.

דאן זאגט ער „קדש", ער מאכט קידוש, מיט דעם פייערדיגען ניגון. עס איז דעריין צוזאמענגעבונדען, קלאנג, געזאנג, הייליגקייט, ערנסטקייט, נשמה בענקשאפט. ער מאכט די „שהחיינו", און צוויי דינע טרערען ווי בלישצענדע דיאמאנטען פאלען אויף זיין ערנסט פנים, וואס איז מיט ליכט שטראהלען באַ־דעקט. זיי פאלען אריין אין דעם קידוש כוס. דאס האט אונז אלע אריינגע־ווארפען אין א כל נדרי שטימונג, מיט א ביסעל חשבון הנפש. אבער באלד באמיהט ער זיך צו באהאלטען דאס ערנסטקייט, און געהט איבער צו פרעהליכ־קייט און זאגט „ורחץ", וואשט די הענד און עסט „כרפס." ער גיט יעדען א שטיקעל כרפס, מיט א קינדערישע נאאיווע רוהיגקייט און שמייכעל, גיט ער יעדען, און זאגט עסט ניט אסך, כדי איהר זאלט בעסער הנאה האבען פון די הגדה, און „יחץ" טהיילט ער די מצה, און באהאלט אונטערן קישען און זאגט מיט א הלצה צו דער באבע חוה: חוה'שע, אט דאס „קניפעל" זאלסטו מיר ניט אוועקגנב'ענען... אלע שמייכלען, די יונגע אייניקלאך זאגען אבער: זיידישע, מיר מעגען אוועקגנב'ענען דעם אפיקומן.

דאן זאגט ער „מגיד" און דעקט אויף די מצה, און זאגט „כהא לחמא עניא", מיט אזא ערנסטקייט און מיט אזא הייליגער שטימע. די שטוב איז געווארען פול מיט מאראלישע געזאנג טענער, ווי א הייליגקייט האט ארומ־געשוועבט אין שטוב, און האט אלע איינגעוויגט אין טרוימען פון פארגאנגענ־הייט און צוקונפט, זכר ליציאת מצרים, און אחרית הימים. אלעס איז געווארען באדעקט מיט שעהנקייט, אונענדליכע רעזא דרעווין'דיגע הוד שבתפארת. עס האט זיך געפיהלט ווי די שכינה הקדושה בתוכנו. דער קלאנג פון זיידען איז געווארען באגלייט מיט דעם קלאנג פון אלע מסובים. עס האט זיך אונז גע־דוכט אז אזוי מוז אויסזעהן ווען די מלאכים זאגען אלע פריה צום בורא די קדושה.

„כל דכפין ייתי וייכול," אלע וועלכע זענען הונגעריג זאלען אריינקומען עסען. ביי די ווערטער ווערען מיר אלע דערפרישט מיט אהבת ישראל, און רחמנות, ליבע, צו אלע ארימע פאריתום'דיגע, צובראכענע.

אט ווערט זיין קול שטארקער, העכער, ווי א פארוואונדעטער אלטער לייב שרייט ער אוים „השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל, השתא עבדא לשנה הבאה בני חורין."—א טיפער קרעכץ־ציטער, דורכגענומען פון טיפען

וועהטאָג געמישט מיט זיסקייט פֿון האפֿנונג און נחמת פֿיהלט זיך ביי די ווערטער, און עס ציהט צו דעם „חיי נשמות אויר ארצך", צו די זכרונות פֿון „דאָ" פֿון „קנעכטשאַפֿט" ביז די בערג פֿון יהודה, צום טוי פֿון חרמון, צו די אַלטע שטאָלצע אור בערג פֿון לבנון, צו די קלאַנגען און געזאַנגען פֿון דער לופֿט, ווי עס האבען געקלונגען די טענער פֿון דוד המלך'ס פֿידעל און דאָס השתפכות הנפֿש פֿון ספֿר תהלים; אויך צו די גרויסע שטארקע וועהען, ליידען האפֿנונג, און נחמה פֿון די נביאים פֿון דעם גרויסען וועלטס חרות, וועלטס גאולה, און וועלטס פֿרעהליכען יום טוב סדר. און דאָס איז דער אָנהויב מיט וועלכען מען געהט איבער צו דעם וויטערדיגען טהייל פֿון סדר, צום צווייטען כוס, צו די קשיות, ענטפֿערט, מה נשתנה, עבדים היינו און דאָס ספֿר יציאת מצרים, און צום גאַנצען סדר און הגדה.

דער כוס של אליהו הנביא ביי'ם זיידען ר' משה

זעהר שעהן, פרעהליך, מאיעסטעטיש, מלכות'דיג מיט פיל פאטערליכע ליבשאפט און פאמיליען אייניגקייט איז געווען דאס אברעכטען פונ'ם סדר ביים זיידען ר' משה. א באזונדער גוט מוטיגער ליבליכער, ערנסטער שמייכעל, וואס איז מיט א נאאיווען ריינעם קינדישען חן באשאנקען, האט זיך באוויזען אויף זיין איידעלער צורה, צלם אלקים, וואס איז געווען ווייס־ריין, הוד והדר זקנה שעהנקייט, ווי א יריעה פארמעט פון א ספר תורה. אויף דעם פנים האט מען געקענט לייענען א שטיק געשיכטע, מיסטישע היסטאריע פון ליידען און שאפען, „יסורים של אהבה", פון אונענדליכען „חי וקים", אונשטערבליכען אייביגען איד. אויף יעדען קנייטש האט מען געזעהן דעם גרויסען קאמף און געראנגעל, די נשמה־מלחמה פון די גרויסע קשיות, השגות מחשבות פון די אונבאגרייפליכע פראגען „מה נשתנה"... מיט דעם ענטפער „עבדים היינו"... די גרויסע טרייסט אז „שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו", אז אין אלע דורות וויל מען אונז פארלענדען, און מיר ווערען געראטעט און די פארחלום'טע אוגען, וואס האבען געפינקעלט מיט א טיעפען ממעמקים פייער'ל ווארימקייט, ליכטיגקייט, וואס זעהט ברייט און ווייט, פון „אור שבעת הימים" די בריאה ליכטיגקייט, ביז דעם גרויסען עתיד „אור של משיח", די גרויסע וועלטס־ליכט. ניט בלויז דאס זאגען די הגדה, נאר אויך דער „שלחן ערוך" איז געווארען דורכגעפירט מיט אזא פינקטליכקייט אין יעדער זאך, דאס עסען די מצה, מרור, כורך, דער זכר למקדש כהלל, צפון — דער אפיקומן, די פיער כוסות מיט זייער גאולה באדייטונג און פיער לשונות־אויסדריקונג, ביז די באדייטונג פון חורבן כוסות, פון: בלוט, טרערען, גיפט־סם, שווייס. דער גאנצער טיש איז געווען ווי א הייליגע עבודה אין בית המקדש, מיט פארשידענע „כונות ויחודים" מיט א טיפער פארשטענדליכקייט און דיסציפלינירטע פינקטליכקייט.

די באבע חוה, עליה השלום, ווי א „מטרוניתא", ווי א גייסטיגע געקרוינטע לארדינע, מיט פיל צניעות'דיגען חן, פון א אשת חיל ועקרת הבית, האט אלעס פארזארגט צו דער הייליגקייט, פרעהליכקייט פונ'ם סדר נאכט און הסבה בעט, „קדושה, אהבה וטהרה", וואס איז א אבקלאנג פון יענעם חופה טאג, פון הייליגע ריינע פאראייניגונג און פאמיליען גאנצקייט. שיר השירים'דיגע קודש קדשים פון „הרי את מקודשת כדת משה וישראל"...

אָבער באַזונדער ערנסט, קודש־קדשים׳דיג איז געווען דאס זאָגען „שפוך חמתך״ ביים כוס פֿון אליהו הנביא... מיט ציטערדיגע ווייסע דאַרע פֿינגער ווי א ווייס זילבערנע „יד״ צו א ספר תורה האָט דער זיידע, עליו השלום, אָנגעגאָסען וויין אין אַ אלט זכרונות׳דיגען כוס, וואָס איז געווען באַצירט מיט פֿאַרשידענע אויפֿשריפֿטען, ווי: „כוס של אליהו הנביא,״ „לשנה הבאה בירושלים״... דער כוס דערצעהלט זכרונות פֿון עבר, פֿאַמיליען אָנדענקונג; עס איז נאָך א ירושה פֿון זיין זיידען און איז גלייכצייטיג א אָנזאָג אויף א אונשטערבליכע גייסטיגע ירושה צו די קומענדע דורות. די באָבע חוה, נעהמט אַראָב פֿון טיש די כלים פֿון עסען, זי גרייט זיך אויפֿנעהמען א גרויסען בכבודי־גען אורח... און דער זיידע ווענדעט זיך צו אונז מיט ווערטער וואָס זענען אַ בקשה און אַ צוואה: קינדער, איצט זייט שטיל, ערנסט, די באָבע חוה געהט עפֿענען די טיר לכבוד אליהו הנביא. די לעצטע ווערטער האָבען אונז איינגעוואָרפֿען אין אַ טיעפֿע ערנסטע שטימונג. וואָרים אין חדר, און אויך די באָבע חוה, פֿלעגט אונז דערצעהלען פֿיל מעשיות, ספורים פֿון אליהו הנביא; פֿאַרשידענע מעשיות, ווי אליהו הנביא אין א לעדערנעם מאנטעל און גאַרטעל האָט געזאָגט נביאות, גע׳מוסר׳ט די שלעכטע מלכים, פֿיהרער, מנהיגים, פֿאַר־ניכטעט די פֿאַלשע נביאים און איז פֿאַרשוואונדען אין הימעל אריין און לעבט אייביג... אויך אז ער באַווייזט זיך ביי יעדען ברית פֿון א אידיש קינד, און ווען דאָס קינד וויינט... טרייסט ער, און זאגט, „בדמיך חיי בדמיך חיי״, באַווייזט זיך צו די ל״ו צדיקים, צו די פשוט׳ע פּראָסטע און עהרליכע מענשען, אַמאָל זעהט ער אויס ווי א האָלץ העקער, וואַסער טרעגער, שוסטער, שניידער, בעקער, טרעגער, ער געהט ארום אויף מארקעט פלעצער און ברענגט זיין ברכה, באַווייזט זיך צו שלאָפֿע קראנקע און ארימע יתומים ואלמנות און ברענגט זיי א רפֿואה פֿון גן עדן, אַ טרייסט וואָרט, ווישט די טרערען פֿון צו־בראָכענע, פֿאַרשטויסענע און צושיידעטע; ווי ער האַלט א כוס פֿול מיט טרערען פֿון די אידען, אין איין האנד, און א כוס פֿון שמחה „כוס ישועות״, פֿון טרייסט אין דער צווייטער האנד; אויך די אגדה; ער וועט שטעהן מיט זיינע פֿיס אויפֿ׳ן הר הזיתים דריי טעג איידער משיח וועט קומען און וועט שרייען און וויינען אויף די אידישע צרות, חבלי משיח, און אויסשרייען די אידישע האָפֿנונג, טרייסט, תקוה, גאולה, בשורה טובה והשיב לב אבות על בנים. דערנעהנטערען די הערצער פֿון עלטערען מיט קינדער... אויך דאס ער שוועבט ארום און קומט פסח ביינאכט אין אַלע אידישע שטובען צו זעהן דעם סדר. דאָס האָבען מיר אַלס קינדער אפֿילו ניט פֿאַרשטאַנען, ווי אזוי קען ער זיין גלייכצייטיג אין אַלע אידישע הייזער. אבער מיר האָבען געפֿיהלט, גע־גלויבט, אַז אזוי איז עס. ס׳קען אנדערש ניט זיין.

דער זיידע האָט געזאגט, חוה׳שע, — אזוי האָט ער זי גערופֿען יום־טוב׳־דיג — עפֿען די טיר. די באָבע, מיט עהרליכע טריט פֿון א „בת נדיב״ — מה

יפה פעמיך בנעלים בת נדיב — איז צוגעגאַנגען צניעות'דיג, בנעימות, האַלב כורעים'דיג, קושענדיג די מזוזה, האָט זי געעפענט די טיר. מיר קינדער האָבען ניט געוואוסט אויף וואָס פריהער צו קוקען צי צו דער טיר זעהן אליהו הנביא אָדער צום זיידען, וועלכער איז געוואָרען ווי אַנגעצונדען מיט אַ הייליגען עקסטאַז און התלהבות פון אש קודש און איז אין די עולמות עליונים דערהויבען געוואָרען. ער האָט מיט אַ השגות'דיגען יראת הכבוד געזאָגט „ברוך הבא,” דערביי האָט ער זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ יום כפור ניגון געזאָגט „שפוך חמתך”, און צוויי ווייס־זילבערנע פעריל טרערען זענען ארויס פון זיינע פאַר־טרוימטע אויגען, וועלכע האָבען געפינקעלט ווי נשמה ליכט און זענען גערונען אויף צלם אלקים, אויף דער ווייס־זילבערנער באָרד... מיט אַ צאַפּעלדיגען קול ווי די טרערען־בקשות פון אַ קליין אונשולדיג יונג קינד, וואָס רופט, בענקט נאָך ווארימקיים, צערטליכקייט פון דער מוטער. און גלייכצייטיג איז דאָס קול געוואָרען העכער, שטורמישער, ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב, וואָס שטורמט און ברומט, וואָס זיין כבוד איז פאַרשוועכט, מחלל געוואָרען; ווי אַ יונג טייבעל, וועלכעס בלאַנדזשעט אין דער לופט, זוכט זיין נעסט, זיין בן זיווג, וו. אַ יונג שעפסעלע, וועלכעס וואַשט זיין שעהנע וואָל אין מאָרגען טוי און בענקט צו דער סטאַדע, צו די שעפעלעך, אַזוי ערנסט קלינגען די ווערטער „כי אכלו את יעקב ואת נוהו השמו”... זיי האָבען פאַרדאָרבען יעקב און זיינע וואוינונגען האָבען זיי פאַרוויסט... ביי די ווערטער גיט זיין גוף אַ ציטער, ווערט איינגעבויגען, ווי ער טראָגט אַ גרויסע שווערע משא, אַ עול גלות, דער טיש גיט זיך אַ שאָקעל, דער כוס באַוועגט זיך, עפּעס ווי איינער וואָלט אָנגעריהרט דעם כוס און אויסגעטוישט דעם וויין אויף טרערען. דאַן ענדערט זיך זיין שטימע. —יונג, שטאַרק און ער זאָגט „תרדוף באף ותשמידם מתחת שמי ד'”, דערביי ווערט ער אויסגעגלייכט ווי אַ יונגער ריטער פון לעבען און בעט די אידישע הייליגע געטליכע נקמה געגען שלעכטס און זינד. די בקשה וואָס ער האָט צו אליהו הנביא... עס ווערט שטיל, אַ הייליגע שטילקייט. די באָבע פאַרמאַכט די טיר. עס איז ליל שמורים. דער זיידע זעצט זיך אויפ'ן הסבה בעט און גרייט זיך זאָגען די צווייטע העלפט הגדה, הלל הגדול, נשמת, ואמרתם זבח פסח — ויהי בחצי הלילה, אחד מי יודע, חד גדיא ביז לשנה הבאה בירושלים!...

ווי דער זיידע ר׳ משה האָט געזאָגט שיר השירים פסח ביינאַכט

שעהן און פרעהליך, דורכגענומען מיט א התלהבות׳דיגען יראת הכבוד און א רוחניות׳דיגע אהבה תענוג, איז געווען דאס אָבערכטען דעם „סדר״ מיט דער „הגדה״ זאָגען פון מיין זיידע ר׳ משה. א באַזונדערען ערנסטען געשמאַק, הוד והדר׳דיגען זקנה חן האָט איהם געגעבען דער ווייס ריינער קיטעל מיט דער יחוס׳דיג זילבערנער עטרה, וואָס האָט געפינקעלט ווי בלישטשענדע שטערען ביי דעם שיין פון די גרויסע יום טוב ליכט, און די ווייס־שנעע יאַרמעלקע, וואָס האָט באַדעקט דעם גרייז־גרויען קאָפּ האָר, פון וואַנען עס האָבען זיך ארויסגעזעהן צניעות׳דיג די צוויי לאַנגע געקרייזעלטע ווייס־זיידענע לאַקען־פאות, וואָס זענען געווען ווי צוויי עדות אויף הייליגקייט און ריינקייט. ווי אויך די ווייס־זילבערנע באַרד, פון וועלכער יעדע האָר באַצירט מיט א פאַטריאַרכאַלישען מזרח־חן דעם צלם אלקים. עס האָבען אויך ארויסגעפינקעלט צוויי גוטע מילדע ריינע טויבען אויגען, וואָס יעדער בליק פון זיי איז ווי א התגלות, ווי א ענטדעקונג פון טיפע סודות פון מח און נשמה. דאס פנים ווי מלאך׳יש, ווי א מיסטישע קבלה׳שע פיגור, דאָס ריינע ווייסע מילך פנים, וואָס איז געווען ווי א ריינער פאַרמעט צו שרייבען א ספר תורה יריעה, איז אָפּט דורכגענומען געוואָרען מיט דער ליכטיגקייט פון דער הייליגער יום טוב שטימונג, וואָס האָט זיך רוהיג, הייליג, מנוחה׳דיג צוגאָסען. תפארת, מנוחה וקדושה. די האַלטונג האָט זיך אָפּט געביטען. אָט איז אויף זיין פנים אויסגעגאָסען א שפע פון רחמנות, קינדישע גוטסקייט, אהבה, פול מיט „רעוא דרעוין״ ווי א „זקן מלא רחמים״ וואָס וויל די גאַנצע וועלט באַשענקען מיט ליבליכע קושען און געזאַנג פון גאולה און אייביגען שלום, און באַלד ענדערט ער זיך, און ער ווערט דורכגענומען מיט א טיפע מאַיעסטעטישע ערנסטקייט, פול מיט התחייבות׳דיגע חשבונות, חשבון הנפש, ווי א ריטער פון נצחון, א „גבור עושה מלחמה״... א מלחמה געגען שלעכטס און זינד...

דער סדר־טיש איז געווען באַדעקט מיט א נייעם פסח׳דיג טישטוך, וואָס אויף איהם זענען געשטאַנען פאַרשידענע כלים און כוסות מכל המינים. יעדע כלי מיט איהר באַזונדערען טראַדיציאָנעלען געשמאַק און חן. יעדע כלי האָט מיט איהר שטום־לשון דערצעהלט פיל זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט פון צניעות׳דיגען אידישען יחוס און הייליגען מקור אבשטאַם, און גלייכצייטיג

געוועזן א מין צוואה אויף דעם עתיד, אויף דער צוקונפֿט. דאָס אַלעם האָט זיך אויסגעמישט אין אַ אונענדליכען ים פֿון וואַרימקייט, שעהנקייט און ליכטיגקייט.

דאס האָט ביי אונז יונגע קינדער דערוועקט א תשוקה, אַ טיפֿע גלוסטען און בענקשאַפֿט אין אונז ווי מיט פֿיל טויזענדער פֿעדים צוגעבונדען צום ציידען, און אונז געצוואונגען צו קוקען אין דער הדרת־פּנים׳דיג׳גער מלאך־צורה זיינע. אַט אזוי האָט געווים אויסגעזעהן דער כהן גדול אין יום כפור, ווען ער איז אריין אין קדשי קדשים. מיט גרוים תענוג האָבען מיר אויפֿגענומען די שעהנע הארציגע תנועות און ניגונים פֿון דער הגדה־זאָגען.

אָבער באַזונדערס אין א דביקות׳דיגע התלהבות שטימונג, צו דער העכסטער מדרגה „לעילא ולעילא," איז דערגאַנגען, ווען מען האָט געענדיגט די הגדה, און מיין זיידע האט זיך געגרייט צו זאגען „שיר השירים." דער זיידע פֿלעגט זאָגען, אַז די הגדה־זאָגען איז קודש און דער שיר השירים איז קודש קדשים. דער גאַנצער סדר איז ביי חסידים ווי א הכנה צו שיר השירים. דאָס זאָגען שיר השירים איז אויסגעקומען שוין פֿאַרטאָג, און ניט קוקענדיג וואָס מיר זענען געוועזן פֿיל אנגעשטרענגט פֿון די כוסות טרינקען און די הגדה־זאָגען, זענען מיר דערפֿרישט געוואָרען, און מיט א נייער הכנה זיך געגרייט צו הערען דעם שיר השירים, ריכטיג „אני ישנה ולבי ער..."

די באָבע חוה עליה השלום, וואָס איז אויך געוועזן מיעד, וואָס האָט זיך אַ גאַנצען פֿאַר־פסח געפּאָרעט מיט צוגרייטען דעם פסח, איז די גאַנצע צייט פֿון סדר געזעסען צניעות׳דיג אין איהרע יום טוב מלבושים מיט איהרע יחסנ׳יש ירושה׳דיג ציהרונג ווי א „מטרניתא", א „מלכה", און מיט אַ ריינע ליבליכע אהבה האָט זי געקוקט מיט יום־טוב׳דיגע בליקען אויף דעם זיידען דעם „מלך", און האט יעדען וואָרט נאכגעזאָגט אָפּט באגלייט מיט א ברכה: „הלואי ביז 120 יאהר, און אויך אין גן עדן זאָלען מיר ניט צושיידט ווערען", אויף וועלכען דער זיידע פֿלעגט איהר הלצה׳דיג ענטפֿערען: „יא, חוה׳שע — אזוי האָט ער איהר גערופֿען מיט׳ן יום־טוב׳דיגען נאָמען — נאָר זאָלסט מיר אין גן עדן ניט רעדען פֿון קיין געלד." די באָבע חוה האָט אויך מיט אַ באַזונדער פֿרישקייט זיך געשטאַרקט צו הערען דעם זיידען זאָגען שיר השירים. עס איז שוין געוועזן פֿאַרטאָג. אויפֿ׳ן מזרח האָט זיך שוין באוויזען א דינינקע רויטבלויע שיין, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי א גייסטיג־אויג, וואָס וויל אויך אריינקוקען אין דעם עולם השפל און הערען די „שירה" פֿון די מענשען. א שטיקעל שיין פֿון „אור שבעת הימים", א קיהל ריין פֿריהלינג ווינטעלע האט באַוואויגען די פֿרישע יונגע ניסן בליהענדע צווייגעלעך, און געוועקט די צוריקגעקומענע פֿויגעלעך, וואָס זענען פֿון מרחקים געקומען און האָבען מיטגעבראַכט א מתנה פֿון אונפֿאַרשטענדליכע הארציגע טענער און קלאַנגען. מיט אַ גרויסע פֿרייד פֿליהען זיי פֿון דער נעסט, און זינגען זייער פרק שירה. דער

זומער טוי האט באדעקט די גרעזעלעך, און עס האט זיך געדאכט, ווי די גאנצע „בריאה" איז לכבוד דעם „בורא" טבילה געגאנגען, כדי צו קענען הייליג און ריין זאגען די מארגען שירה־קדושה. דער זיידע איז צום פענסטער צוגע־גאנגען און האט גענומען באטראכטען דעם „יופי של מעלה". דער הויך־גע־קנייטשטער שטערען האט זיך שנעל באוואויגען, ווי דער מח ארבייט אוים נאטען און קלאנגען צו דער געטליכער פרק שירה מוזיק. די אויגען האבען מיט א באזונדערע פייערל פון קנאה געקוקט, ווי זיי זענען מקנא די ריינע פויגעלעך. עס באפאלט איהם א הייליגע תאוה צו באקומען פליגעל, און צו פליהען אין דעם אונענדליכען „עלות השחר" רוים... ער האט זיך בנעימות־דיג באוואויגען ווי א יונגער סאסנע בוים. דאס האט אויף אונז געווארפען אזא יראת הכבוד'יגע אימה, וואס האט אונז אריינגעפיהרט אין א עולם המחשבה, וואס איז גלייכצייטיג פול מיט אהבה און קדושה'דיגע שמחה...

אט דערהערען זיך פארשידענע תנועות און קלאנגען, א נשמה שפראך, ווי א „שיח סוד שרפי קודש," א מלאכים־שפראך, ווי געהיימע סודות'דיגע סטרונעס פון דוד המלך'ס פידעלע, וואס געבען ארוים טענער און געזאנגען פון דער טיפעניש פון מסתרים און מעמקים... פון חביון הנשמה... פון דער נשמה פארבארגעניש, וואס דערוועקען הייליגע בענקשאפט און נשמה דורשט... טיף דביקות'דיג מיט שמחה און רוחניות'דיגע הייליגע אהבה שטימונג פון „יחוד קדשא בריך הוא ושכנתיה"... און באלד געהט דער זיידע איבער צו ווערטער. ווי עס גיסט זיך פרישער זיסער האניג, אזוי זיס און ריין זענען די ווערטער „שיר השירים" אשר לשלמה." אין דעם איז שוין דער שליסעל, דער פירוש פון די ווערטער. מיר דערפיהלען שוין אין דער טיפעניש פון דער נשמה, ווי די ווערטער ווערען באגלייט מיט דעם קלאנג וואס באדייט: א געזאנג איבער אלע געזאנגען. יעדער געזאנג איז א נביא, דער געזאנג איז א נביא בן נביא, א מלך בן מלך, א חכם בן חכם; אלע שירים זענען קודש, דער שיר שיר איז קודש קדשים... א געזאנג פון שלום און פרידען, טהרה, אהבה, קדושה, „ישקני מנשיקות פיהו כי טובים דודיך מיין, לריח שמניך טובים..." „עס גלוסט זיך צו קושען אין א סודות'דיגע הייליגע אהבה די וועלטס שעפונג און פאר'שיכור'ט צו ווערען פון דער שעהנקייט פון דער בריאה און בגילופונ'־דיגע שטימונג פון דעם גייסטיגען יין המשומר, און צו זיין ריין ווי דער בוימעל פון שמן המשחה...

אט דערהערען זיך די דינינקע דביקות'דיגע קלאנגען, וואס זענען ווי מען קייקעלט פעריל אויף גאלדענע טאצען. א „קול דממה דקה," וואס דערוועקט אין דער טיפעניש פון דער נשמה א מיתת נשיקה'דיגע בענקשאפט, עד כלות הנפש, דורכגעמישט מיט אהבה און שמחה און דאס ווערט באגלייט מיט די ווערטער „משכני אחריך נרוצה... הביאנו המלך חדריו נגילה ונשמחה בך"...

ציה מיך, נאך דיר וועל איך לויפען... ברענג מיך, מלך, אין דיינע אינער־ליכע חדרים, איך וועל מיך פרעהען מיט שמחה אין דיר...

באלד הערט זיך א שטארקער קרעכץ ווי פון א פארוואונדעטען אלטען לייב, וואס איז דורכגעדרונגען מיט וועהטאג און גבורה, צער און שטאלץ, און ער זאגט: „שחורה אני ונאוה... שמני נוטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי..." שווארץ בין איך און דאך שעהן... פרעמדע גערטנער האב איך געהיט, מיין גארטען האב איך ניט געהיט... ביי די ווערטער האט דער זיידע א שטיקעל הפסקה געמאכט, ווי איינער האט עפעס א שווערען חשבון צו ערלעדיגען...

עס הערט זיך א שטימע ווי פון א רחמנות'דיגען גוטען פאסטוך, ווען ער צעהלט מיט א ווייכע מילדע ליבע די יונגע ווארימע ריינע אומשולדיגע נאאיווע שעפעלעך און מיט א פאטערליכע ליבע כרחם אב על בנים, אנגע־פילט מיט א נשמה'דיגע ווארימע הערצליכע אהבת ישראל מאכט ער דעם חשבון ריכטיג און זאגט מיט זיכערען טאן „כלך יפה רעיתי ומום אין בך... אין גאנצען ביזטו שעהן — כנסת ישראל — קיין מום ניט אין דיר...

אבער באלד דערהערט זיך א יונג רחמנות'דיג קול ווי פון א יונג טייבעלע וואס בלאנדזשעט אין דער ריינער לופט רוים, און זוכט איהר נעסט און איהר בן זיווג... און ער זאגט די ווערטער „הנך יפה רעיתי, הנך יפה עניך יונים"... שעהן ביזטו מיין פריינדין, שעהן ביזטו מיט די טויבען אויגען...

און זינגט צו „וואלד וואלד, ווי גרויס ביזטו, כלה כלה ווי שעהן ביזטו, אז דער וואלד וועט ווערען צוגענומען וועלען מיר זיךביידע צוזאמענקומען... אוי גלות גלות ווי גרויס ביזטו, שכינה שכינה, ווי שעהן ביזטו ווען דאס גלות וועט ווערען אוועקגענומען וועלען מיר די כנסת ישראל מיט דיר צוזאמען קומען". דערביי ווערט די שטימע העכער, און שרייט אויס „בשושנה, בין ההוחים, כתפות בעצו היער כן דודי בין הבנים" ווי א רויז צווישען דערנער, ווי א שעהן עפעלע — אתרוג — צווישען די וואלד בוימער, אזוי ביזטו און ענדיגט מיט א בקשה רחמים תפילה „אני לדודי ודודי לו," לאמיר זיך ביידע צוזאמענקומען... שעהנע רויזען...

און אזוי געהט ער איבער ממדרגה למדרגה ביז ער געהט אריין אין עולם הרוחני, און ווערט אין א שטיק שיר השירים פארוואנדעלט. ביסלעכווייז ווערען שוין די טענער העכער און שטארקער מיט פארשידענע קולות וברקים, ווי ער געהט אריין אין א צווייטען עולם. ער גיט א געשריי „כי הנה הסתו עבר הגשם חלף הלך לו, הניצנים נראו בארץ, עת הזמיר הגיע... קומי לך רעיתי יפתי, ולכי לך... „דער קאלטער ווינטער מיט די גרויסע נעבעל זענען פארביי, דער רעגען וועטער פארשוואונדען... דאס בליהען זעהט זיך ארוים, די צייט פון שפילען, דער הזמיר איז דא... „קום מיין פריינדין... און וועלען מיר שפאצירען געהן..." ביי די ווערטער האט זיך געדאכט ווי ער ווערט

עפעס אין א שטיק יוגענד פארוואנדעלט, א „בריה חדשה", ווערט פול מיט לעבען און יוגענד... פרייד, אהבה געזאנג און קלאנג. מיר האבען געמיינט, אז אט פליהט ער ארויס פון פענסטער גלייך צו די פויגלען אין דער נעסט...

באלד ווערט ער א ביסעל בארוהיגט, עס הערט זיך דער געשריי: „השבעתי אתכם בנות ירושלים אם תעירו ואם תעוררי את האהבה עד שתחפץ"... ווי דאס בארוהיגט איהם. מען טאר ניט צופיעל אריין אין התעוררות, אין התפשטות הגשמיות, דער מענש איז א בשר ודם... די חושים מוזען זיין באהעפט מיט'ן גוף... און א רוהיגע שטימע האט זיך געהערט, ווי ער זאגט „לרעות בגנים וללקוט שושנים," עס גלוסט זיך איהם צו געהן אין גארטען רויזען קלויבען... און אזוי שפאצירט דער זיידע מיט זיין השגה אין די עולמות העליונים, ארום דעם כסא הכבוד, ביז ער דערהערט דעם פרק שירה פון די הימלישע מלאכים, און דער רעש פון די גלגלים ארום דעם כסא הכבוד.

אט פאלט א אנגעשטרענגטער ווייטער בליק פון זיידען אויף יענער זייט פון רוישענדיגען ריין קוואל טייכעל, ביי דעם יונגען סאסנאווען וועלדעל, וואו עס ציהט זיך בנעימות מנוחה'דיג א ריינער לויטערער טוי וואלקען, א „עמוד הענן", באצירט, מיט פארשידענע קאלירען פון דער פריהלינג'מארגען זונען שטראהלען, און ברענגט מיט פארשידענע געשמאקע בשמים ריחות, ריח־ניחוח'דיגע קטורת, א קרבן א מתנה מארגען שירה פאר'ן בורא. עס דערהערט זיך א דביקות יחודים'דיגע שטימע, ווי דינע גלעקלעך פון א ספר תורה כתר, און זאגט: „מי זאת עולה מן המדבר... מקטרת מור ולבונה" ווער געהט אויף פון דער מדבר א זייל רויך און א טייטעל־בוים מיט קטורת פון פארשידענע גוטע בשמים... צוזאמען מיט די ווערטער פיהלט זיך זיין הייליג דורשטיגער רצון, ווי ער וויל טובל'ן זיין נשמה אין דעם „מים טהורים" פון דעם ריינעם קוואל, און דאן אריין אין דעם יונגען פרישען וועלדעל, וואו די צווייגען וועלען זיין ווי א „חופה" און דארט האבען סודות'דיגע רזי דרזונ'דיגע יחודים... מיט „אחותי כלה" די „שכונה מטרניתא" און צוזאמען אהבה'דיג שוועבען איבער פעלדער, גערטנער, בערג, טהאל, על הרי בתר... עס דער־הערט זיך א אונפארשטענדליך בקשה'דיגער רוף, ווי ער זאגט: „לכה דודי נצא השדה... נלינה בכפרים... נשכימה לכרמים"... זאלען מיר געהן, מיין פריינד, אין פעלד, נעכטיגען אין די דערפער... און דער פריה אין די גערט־נער... ווייט ווייט פון די מענשליכע גשמיות'דיגע פארלאנגען, און פאר־שיכור'טע קלאנגען, זאלען מיר געהן אין די נאאיווע תמימות'דיגע צניעות'דיגע דערפער, „שם אתן את דודי לך", דארט וועל איך דיר געבען מיין פריינד־שאפט... דארט וועלען מיר זינגען דעם שיר השירים פון לעבען, אין דעם יידיש קדשים פון חכמה, נביאה, אין דעם ריינעם מאיעסטעטישען מלוכה שעהנ־קייט, „תפארת שבמלכות", „שובו שובו השילמית"...

שביעי של פסח ביי חסידים

אלע יום טוב איז געווען פרעהליך ביי מיין זיידען ר' משה אין שטוב. די חסידים זענען זיך צוזאמענגעקומען, און ווען חסידים קומען זיך צוזאמען איז שוין ממילא א זמן שמחתנו. אבער א באזונדער פרעהליכקייט מיט א הייליגע התלהבות'דיגע בגילופין־שטימונג איז געווען שביעי של פסח ביי נאכט. יצחק'ל קונדאס פלעגט זאגען, אז די אידען זענען יא אריבער דעם קריעת ים סוף בשלום, ברויכט מען טאקע נעהמען א ביסעל משקה און צו זאגען א לחיים, און דאס וועט זיין דער בעסטער „תיקון ליל שביעי של פסח."

מעג ר' אברהם, דער שטאדט מגיד, דורכזאגען דעם גאנצען תיקון ליל שביעי של פסח, מיט אלע שירות ותשבחות, איז דאס א התלהבות פון קאלט פייער, פון „קרח הנורא". און אויב ניט דאס ביסעלע אש מתלקחת, דאס פלאמענדיגע הייסע פייער, וואס איז דורך רצון און אהבה'דיגע התחברות שמחה, בלייבט דאך די קשיא „מה העבודה הזאת לכם"... איז דאך א „רחמנות" אויף דעם „אינדיק" און אן „עבירה" אויף די „קניידלעך", וואס ער האט אויפגעגעסען.

אזוי איז שוין דער מנהג. אלע יאהר צו זיך צוזאמענקומען צו דעם זיידען ר' משה שביעי של פסח, און צו פארברענגען אין שמחה געזאנג, און רקידים ביז מען האט געהערט רופען אין שוהל אריין, דעם זיידענס שטוב איז געווען אויסגעקאלעכט, ריין וויים, כשר לפסח און האט געשמעקט מיט א באזונדערע פריהלינג פרישקייט, וואס האט מיטגעברענגט די ניסן ווינטעלאך. יעדער ווינ־קעלע איז באצירט מיט א באַ'חן'טע יום טוב שעהנקייט און פסח געשמאק, ווי א צניעות'דיגע אידישע טאכטער, כלה, אין דעם חופה טאג. דער אבגעריבענער מעשענער לייכטער האט געהאנגען אין מיטען סופיט, און מיט די אכט ליכט, וואס האבען ארויסגעפינקעלט מיט א עניוות'דיגע באשיידענע ליכטיגקייט און האבען עדות געזאגט, אז אין די ווענד פון דער שטוב איז די מנוחה פון הייליג־טום און ריינקייט. „קדושה וטהרה"...

די התחלה צו דער שמחה האט געמאכט יצחק'ל קונדאס מיט א ריקודיל און א פרעהליך זמריל צוגעזונגען „ובכן צדיקים יראו וישמחו... וחסידים ברינה יגילו"... דאס איז געווען דער אריינפאהר אין שמחה, נאך איהם, זענען נאך די גאנצע חברה, א פרעהליך רקידה קאזאקל. אלט און יונג צוזאמענגע־פלאכטען געארימט. הויך לעבעדיג געהויבען די פיס. קאפ אויף אקסעל, האנד אויף האנד, ווי הבדלות געפלאכטען, מיט א התלהבות'דיגע ווארימקייט.

נאך דעם ערשטען טענציל האט יצחק׳ל אויסגעשריגען „אט דאס איז געווען לכבוד דעם מחותן ר׳ משה און די מחותנת׳טע די באבע חוה; און איצט בין איך גוזר — ענדיגט יצחק׳ל — און זאג, אז אויב די ערשטע פסח טעג ביזטו משה געווען „מלך״ און די אלטע א „מלכה״, איז היינט ביינאכט נעהם איך איבער די מלוכה. און בין גוזר, איך גיב א „פריקאז״, אז מען מוז מיר איבער־געבען דאס גאנצע שמאלץ, אייער, ווישניק, וויין י״ש, און בכלל אלע שליסלען פון די שענקלאך; און איך וועל שוין „בודק״ זיין, עס זאל ניט בלייבען חס ושלום קיין „משהו״ וואס עס זאל ניט איצט באלאנגען צו אונז, לכבוד די שמחה. גלייבצייטיג, וועל איך איבערנעהמען דאס צוגרייטען מאכען די קנייד־לאך, חרעמזלאך. איך, יצחק׳ל, וועל ווייזען, אז ווען איך וויל קען איך זיין אויך א „אידענע״, א „צדקית״... אוך תוך כדי דיבור איז שוין אלעס אונ־טער יצחק׳לס ממשלה...

יצחק׳ל האט לשם פרעהליכקייט געשטעלט א גרויסען בעקען וואסער אין מיטען דער שטוב, און אלע חסידים האבען געמוזט געהן א ריקוד ארום, און אריבערגעשפרונגען איבער דעם וואסער, א „זכר״ פון דעם קריעת ים סוף; דערביי האט מען געזונגען א פרעהלך ניגונ׳דעל „שירה חדשה שבחו גאולים״. מען איז אין גאנצען אריין אין עולם השמחה, דערביי האט יצחק׳ל געכאפט אויף די פלייצעס דעם אלטען ר׳ אברהם דעם מגיד, וואס איז געווען בטבע א קאלטע נשמה, א שטיקעל חלוש. עס האט ניט געהאלפען קיין רחמים ותחנונים, כאטש געה שריי „חי וקים״. יצחק׳ל איז מיט איהם א ריקוד געגאנגען און דעם וואסער איבערגעשפרונגען. ארום האבען זיך א גאנצע חברה שטיבעל בחורים, קונדסים, נאכגעכאפט, און אלע צוזאמען האבען ארום דעם בעקען וואסער געטאנצט. דערביי גיט ר׳ מאיר׳ל גבאי צו פארשטעהן, אז ווען אידען זענען בהתחברות אחדות׳דיג בשמחה, קען מען קומען צו דער מדרגה פון גילוי שכינה און זיין העכער, אפילו פון די מלאכים... און משיג זיין דאס הייליגטום און שעהנקייט וואס די אידען האבען געהאט, ווען זיי האבען געזונגען די שירה פון קריעת ים סוף.

יצחק׳ל קונדעס שרייט אויס: חברה, לאמיר ניט פארשלאפען די נאכט. נעמט א ביסעל משקה זאלען מיר זאגען לחיים, וועט זיין א אמת׳ע ליל שמורים... ווי דער „עמוד הענן״ מיט׳ן „עמוד האש״ וועלען זיך צוזאמענ־טרעפען...

דער גרויסער ר׳ אהרן, וועלכער איז געשטאנען די גאנצע צייט און ערענסט בנעימות׳דיג געטראכט, און האט אין זיך אריינגעשעפט דאס פרעה־ליכקייט און ווארימקייט פון דער התלהבות׳דיגער שמחה, האט גענומען א ביסעל משקה און, געזאגט לחיים, און געוואונשען: עס זאל נתגלה ווערען דער אור העליון, די הויכע גאולה ליכטיגקייט, די גאנצע וועלט די בריאה זאל ווערען איינס. מיט איין רצון, „אחדות הבורא והנברא,״ א פאלקאמע שלימות־

דיגע איינהייט, אויס גלות. דאס גלות נעהמט זיך פון שנאה קנאה, מחלוקת, און אז חסידים טרינקען משקה מיט א אמת'דיגע אהבה, און דריקען זיך ברי־דערלאך די הענד, די צעהן פינגער, מאכט מען א התחברות פון דער בריאה, פון די „עשר ספירות," די צעהן העכערע גייסטיגע כחות פון ענטוויקלונג און כסא־הכבוד'יגען וועלטס שעפונג, וואס האט נאר א קיום דורך סודותדיגע אחדות אהבה דאס הייסט גאולת ישראל און גאולת השכינה...

יצחק'ל קונדעס זאגט לחיים, מיר זאלען דערלעבען די אמתע גאולה, אקעגען טאנצען דעם מלך־המשיח בשמחה. דערביי הויבט זיך אן א שמועס וועגען דער גאולה לעתיד, און הבלי משיח. דער גרויסער ר' אהרן גיט צו פארשטעהן אז יעדער הויכער רעיון און דביקות איז א ענין גאולה. יעדער פרעה־ליך ניגונ'דעל איז א קול פון שופר של משיח. יעדער ריקוד'ל זענען די פעמיו של משיח, די טריט פון גואל צדק. יעדער רגע עצבות איז גלות השכינה. די תשוקה, די בענקשאפט, די הויכע השגות זענען הבלי משיח, יסורים של אהבה. יעדע שמחה איז א שיר לעתיד לבוא. יעדער מינוט פון אהבה און שמחה איז א שטיק פון אחרית הימים. אזוי איז מען איבערגעגאנגען ממדרגה למדרגה, פון רעיונות צו שירה, פון שירה צו זמירות, פון זמירות צו רקודים, „מחיל אל חיל". אלעס האט זיך צוזאמען געפלאכטען ווי א פרוכת צו דעם כסא הכבוד, ביז דער ערשטער מארגען שטראהל פון נץ החמה האט זיך באוויזען מיט א חסד'יגע שעהנקייט, חסד־שבתפארת, און האט געברענגט א באגריסונג פון דער „אין סוף" ליכטיגקייט. עס האט זיך דערהערט דער רוף פון דעם שטאדט שמש אין שוהל אריין, דאס איז געווען א רמז, אז מען מוז מאכען א שטיקעל הפסקה, צו דערפרישען דעם מח, האבען א ביסעל מנוחה דאס מען זאל קענען אויפנעהמען די ליכטיגקייט, די שמחה פרעהליכקייט פון בייטאג, שמחת יום טוב, און הערען לייענען די שירה... און האבען א השגה אין אז ישיר משה.... ה' ימלוך לעולם ועד...

„פרעהליכקייט און ערנסטקייט"

ל"ג בעומר ביי חסידים

דער טאג ל"ג בעומר, איז תמיד ביי חסידים געווען א „יומא דפגרא", וואס האט פאראייניגט „פרעהליכקייט און ערנסטקייט" און איז געווזען א הכנה צו שבועות—קבלת התורה. עס האט געהערשט א יום טוב שטימונג וואס האט ארומגענומען אלע, פון די חדר אינגלאך, שטיבעל בחורים, יונגע לייט, שטיפערס, קונדסים מיט זייערע הילצערנע ביקסעלאך, שווערדלאך מכל המינים, ביז די מיושב'דיגע זקנים, שארפע חסידים, וואס זענען פארמוח'ט אין קבלה התבודדות,, חסידות יחודים, פארטיפטע אין זוהר...

דער זיידע, ר' משה, פלעגט זאגען, אז, כידוע, איז דא א רמז „פ.ל.ג." פורים — ל"ג בעומר — אז דעם טאג וואס איז פורים קומט אויך אוים ל"ג בעומר — ניט אומזיסט רופט מען דעם טאג ביי אונז חסידים „הילולא דר' שמעון בן יוחאי", די „חתונה" פון ר' שמעון בן יוחאי. דעם טאג איז ער נפטר געווארען דער מחבר פון „זוהר", דער יסוד פון קבלה. דער טאג איז דער חתונה טאג, ווען עס באהעפט זיך די נשמה אין איהר שורש בן זיוג דשכינה... לעילא ולעילא. דעריבער איז דער טאג א יום טוב טאג, א הילולא, בגילופינדיג. און אלע יאהר איז געפראוועט געווארען א סעודה ביי מיין זיידען אין שטוב, אויף דעם האט ער שוין געהאט א „חזקה", צו געבען א מילכיגע סעודה, מיט קעז־קרעפלאך און יום טובדיגען בראנפען, וואס איז נאך געבליבן שיריים פון פסח.

א באזונדערע מתנה האט געגעבען די באבע חוה עליה השלום, געל גע־פארבטע אייער מיט ספעציעל געבאקענע אייער בייגעל און פסח־ווישניק, וואס איז איהר געלונגען מציל צו זיין פסח פון יצחק'ל קונדם הענד, און זי האט עס באהאלטען אויף ל"ג בעומר.

די התחלה האט געמאכט ר' מאיר'ל גבאי, ער איז געווען דער משמש, געגעבען יעדען א גלעזעלע י"ש, און א איי צו פארבייסען. און דערביי געגעבען צו פארשטעהן, אז אהן א ביסעל י"ש פעהלט דאס התלהבות, איז מען ווי א זעקעל דארע ביינער, עצמות היבישות, די גאנצע השגה, איז ווי די באבע אין דייטש חומש, אין דאס גאנצע ענין פון יאהר צייט, נפטר, נשמה, איז די השגה פון די אלטע בית עולם גבאי'טע מיט איהר טרויעריגען גראשידיגען ניגון

פון אל מלא רחמים ביי די קאלטע מצבות... נעמט מען אבער א ביסעל י"ש, קריגט מען אין זיך א רוח חיים, מען ווערט לעבעדיג, „נכנס יין יצא סוד"... דורך דעם כח פון התחברות, אהבת רעים בשמחה, ווערט נתגלה דאס געהיימ־נים פון דער אינערליכע נקידה, דער סוד פון לעבען און שאפען, ווילט איהר פארשטעהן — שרייט ער אויס— האלב ערנסט, האלב בגילופינדיג — די „הילולא," דעם זוהר, ווילט איהר אריין אין „פרדס," דאן מאכט א שהכל, בשמחה און געלעבט מיט די ביינער,דער טאג שטעהט ניט, מען ברויכט נאך צו געהן שפאצירען אין וואלד. צו פארשטעהן דעם רעיון פון כתפות העצי היער חקל תפוחין קדושין... זעיר אנפין... עתיקא קדישא... דאס הייליג־קייט פון די יונגע קינדערלעך מיט זייער "הבל פיו של תינוקת של בית רבן" —ביז דאס ערנעסטקייט הויכט השגות פון די אלטע גרויסע חסידים... וואס איז אזוי פאראייניגט אין די ל"ג בעומר מנהגים... אלע האבען מקיים געווען זיין באפעהל. מען האט געווינשען לחיים, און מיר זאלען דערלעבען מקבל צו זיין די תורה בשמחה...

מען האט זיך געוואשען צו דער סעודה, די סעודה אליין איז צוגעגאנגען אביסעל בחיפזון׳דיג, דערוייל האט מען זיך געגרייט צו געהן אין וואלד שפא־צירען, און די גאנצע סעודה איז נאך געווען א מין "הכנה" צו דעם שפאציר „טיול בפרדס"... א הקדמה לספר „הזוהר"... דער גרויסער ר' אהרן, דער זקן „שבחבורה", איז געזעסען, און מיט אנגעשטרענגטע ערנסטע נשמה יתירה־דיגע בליקען — אויף וועלכע עס האט עדות געזאגט די באוועגונג, תניעות פון די שטערען קנייטשען פארמוט׳ט אין הויכע הייליגע השגות, רזין-דרזין־דיגע רעיונות—בליקט דורך דעם אפענעם פענסטער אין דער ריינער לויטערער פריהלינג לופט, די וועלט חלל וואס איז איבערגעדעקט מיט א תכלת׳דיגע חופה־פרוכת, דער בלאהער הימעל, דער „זוהר הרקיע"... הוד שבהוד", דער־ביי זינגט ער צו א התעוררות ניגון׳דעל, דער ל"ג בעומר שיר „בר יוחאי, בר יוחאי", יעדער האט שטיל מנוחה׳דיג מיט א קול דממה דקה, ווי יונגע פויגע־לאך, ווען זיי זינגען נאך דער מוטער, צוגעהאלפען זינגען דעם זמר. יעדער איז ווי אין א באזונדער מדור און א מערה פון מסתרים אריין, און אויף א קורצע צייט א שטיקעל הפסקה געמאכט, א הייליגע ליבליכע שטילקייט, ווי אין א פריהלינג, ווען עס באווייזט זיך דער ערשטער מזרח שטראהל, און עס באוועגט זיך אלעס, וואס איז מיט דעם מארגען־טל בדעקט, ווען אלעס איז פארהילט, רוהיג, מנוחה׳דיג און אהבת שלום, ווי די בריאה איז געוועזען בעפאר דער שטורם און רעש האט די וועלט מגושם׳דיג געמאכט.

דערביי האט זיך אנגעהויבען א שמועס וועגען זוהר קבלה, ר' שמעון בן יוחאי און אנדערע בעלי מקובלים, און קבלה ספרים, זייער לעבען, זייער שטארבען און זייער גילגול הנשמות, סבא קדישא, ינוקא, שכינה, מטרנותא, רעיא מהימנא, די פארשידענע מיסטישע קבלה געשטאלטען און באגריפען

סודות׳דיגע ווערטער און רמזים... „אדם קדמאה, פרצוף״ וכדומה, אלעס וואס איז פארבונדען און ווערט דערמאהנט אין ספר הזוהר; און ר׳ אהרן גיט צו פארשטעהן אז צו די אלע השגות קומט מען דורך אהבה און שמחה, דורך התלהבות און התחברות, ביי די ווערטער באמערקט זיך אויף זיין פנים א העלע רויטליכקייט ווי א יונג, פרישע ראזע בלום, א פרעהליכקייט בארעקט זיין פנים, וואס איז יעצט פלוצלונג ווי יונגער געווארען, א אנדערע צורה באקומען ,א צורה פון א „יניקה״, א „סבא קדישא״, ווי א נאאיווע ריין יונג קינד און א אלטאר ערנסטער דענקער, בעל מחשבות, געווארען פול מיט לוסט און לעבען, און ענדיגט מיט א פרעהליכע קנאקעדיגע ניגונ׳דעל „רננו צדי־קים.״ וואס אמאל שטארקער און העכער, לעבעדיגער. דאס ווארימקייט האט מיט א התלהבות ארומגענומען אלע. מען איז איבערגעגאנגען ממדרגה למדרגה ביז מען האט א ריקוד ארום דעם שלחן געמאכט, אלע צוזאמען אלט און יונג געארעמט ברידערליך, התלהבות׳דיג. מיין זיידע שרייט אויס, חברה, איין רגע שמחה איז א שטיק פון אייביגקייט פון אחרית הימים; פארגעסט ניט אז היינט, איז ל״ג בעומר, הולולא דר׳ שמעון בן יוחאי, דעריבער לעבעדיגער, העכער, פרעהליכער, שכינה הקדושה בתוכנו, ר׳ שמעון בן יוחאי איז אויך מיט אונז, רננו צדיקים, אזוי האט מען געטאנצט ביז ר׳ מאיר׳ל גבאי האט דערמאהנט און געזאגט, חברה, שוין גענוג די הכנה, לאזען מיר בענשען, און דערנאך וועלען מיר געהען שפאצירען אין וואלד, מאכען א טיול בפרדס... און דענקען וועגען דער „מערת רבי שמעון בן יוחאי״ מיט די „זאמד״ „באקסער בוים״ „ברונען וואסער״ פארשטעהן די סודות׳דיגע מסתרים לעבען פון מחבר פון ספר הזוהר.... דארט וועט זיין די נעילה פון ל״ג בעומר...

מיט חסידים צום רבי'ן אויף שבועות

אזא תענוג, ווי איך האב געהאט מיטצופאהרען מיט חסידים אויף שבועות צום רבי'ן, און בפרט פון די „הכנות" צום פאהרען, האב איך קיין מאל ניט געהאט, ממש א גן עדן תענוג. אמת איז, אז עס איז ניט געווען קיין תענוג פון עסען שור הבר, לויתן, און נאך אזעלכע גשמיות'דיגע פארגעניגענס, מיר זענען געווען צופרידען, אז מיר האבען געהאט ביי אונזער געזעגנונגס־סעודה ברויט מיט א הערינג און א דארע גרגרתל, און ווער שמועסט אז עס איז געווען א ביסעל י"ש ברות, האבען מיר געזאגט מיט דער אמת'דיגער כונה „דיינו", און עס איז געווען „ליהודים", דאן איז מען שוין געווען בגילופינ'דיג. דער זיידע ר' משה, עליו השלום, האט דערצעהלט חסידישע מעשות, ווערטער פון צדיקים און חסידישע תורות, און אזוי איז מען איבערגעגאנגען מענין לענין, ביז מען איז אריין אין שער השמחה, און מען איז געווארען ארומגעכאפט פון א הייליגע פרעהליכע ברידערליכע אחדות. מיר האבען דאן שוין ניט געדארפט עסען און טרינקען. מיר האבען שוין משיג געווען דעם טייטש פון „צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה", אז צדיקים זיצען מיט קרוינען אויף די קעפ און האבען פארגעניגען פון דער שכינה לויטער קייט. . , ביז מיר זענען אריין אין „עולם הניגון", און א הערצליכע, פרעהליכע נשמה ניגונ'דעל פון „קול דממה דקה", וואס איז איבערגעגאנגען ביסלעכווייז אין א התלהבות'דיגען „קולות וברקים," און א פרעהליכע רקודה'לע, א „חינגא לבהדי דשכינתא", אין א הייליגען שכינה־טאנץ, א טאנץ פון העכערע וועלטען, וואו עס זענען אבגעווישט די גרעניצען פון רייך און ארים, אלט און יונג, גרויס און קליין, גוט און שלעכט, נאר אלעם ווערט אנגעצונדען מיט א ליכטיגקייט פון א נשמה־יתירה'דיגע הייליגקייט, און טובל'ט זיך אין לויטערקייט פון „אין סוף", ווי די בריאה איז געווען איידער די וועלט זינד האט זי מגושם'דיג געמאכט. ווי צו קבלת התורה ביים בארג „סיני". . .

א באזונדערער תענוג איז געווען די „הכנה" צום פאהרען צום רבי'ן אויף שבועות. דאן האט מיין זיידע ר' משה ממש געשיינט פון שמחה. א באַזונדערער חן איז געווען אויף זיין הערליכע גייסטיגע מלכות'דיגע צורה. דער גרויסער ריינער געקנייטשטער שטערען, ווי א ידיעה פון א ספר תורה, די צוויי שעהנע בלישטשענדע אויגען, ווי נשמה ליכט פאקלען, און זאגען אז אויף דעם שטערען איז געשריבען סודות'דיגע הייליגקייט פארוויקעלט אין ליכטיגע שמחה, וואס איז דער סוד פון די צוויי באגריפען, השגות, מלאכי השרת ווער־

טער, „נעשה ונשמע"... די ווייס זילבערנע באָרד וואו יעדע האָר באַצירט מיט א געטליכען מזרח־חן דעם פאטריארכאַלישען צלם אלקים. ער פלעגט זאָגען אז די נסיעה אויף שבועות איז ניט די נסיעה אויף ראש השנה. ער איז ראש השנה אויך ניט עצבות'דיג, ער איז אויך בשמחה, אבער פאַרט ראש השנה'דיג. די פעלדער זענען פוסט און לעהר, ווי א גוף אהן א נשמה. די בלעטער פון די בוימער געל, אלט פאַרקנייטשטע פנים'ער ווי פון א אלטער מתנגדישער בעל תשובה. די נעסטען פוסט פאַרלאָזט, א קאַלטער נאסער רעגען. דער הימעל ווי שווערע שטיקער בליי, גרוי ארום מרה־שחורה, חושך'דיג, א שטיק פון „קהלת," וואס ברענגט צו „ווידוי" און מורא פאַר'ן טויט. יום המיתה... אבער פאר שבועות, ווען אלעס איז פול מיט לעבען: בליהען, וואקסען, צערטליכע בשמים שמעקענדיגע בלומען, פרישע גרינע שעהנע בלעטער, מיט לעבענס־קלאַנגען ליכטיגע זונען שטראַהלען, איז מיין זיידע באזונדער געוואָרען בגילופינ'דיג. די נאכט פון ראש חדש סיון האָט ער אלע יאהר געמאַכט א געזעגענונגס סעודה. ער פלעגט זאָגען, אז דאס איז די ערש־טע הכנה צו קבלת התורה, אז מקבל זיין די תורה מוז מען מתוך שמחה של מצוה, און ווי איז נאך דאָ א גרעסערע מצוה, ווי צו זיין בשמחה. ווי מען האָט גענומען די סעודה, ווייס איך אליין ניט, נאָר ביי חסידים איז דאס ניט קיין פראַגע. יעדער האָט עפעס געבראַכט, דער א חלה, דער א הערינג, דער די וועטשערע, דער דעם מיטאָג, א אויסמיש מכל המינים, א מין תיקון ליל שבועות, און עס איז געוועזן ממש כסעודת שלמה, מכל טוב. ביי חסידים, פלעגט מיין זיידע זאָגען, איז יעדע זאַך „אומר ועושה." אז מען זאגט איז שוין דאָ, נעשה ונשמע, עס ווערט געטון נאך איידער מען זאָגט. א ביסעל י"ש איז ביי מיין זיידען שטענדיג געווען. ער פלעגט זאָגען אז משקה איז ביי איהם שטענדיג דאָ, יין המשומר, עס שטעהט גרייט, ער בעט זיך נאָר אז חסידים זאָלען קומען און איהם מאכען א תיקון. די סעודה האָט זיך אנגע־הויבען חצות צייט. דער זיידע פלעגט זאָגען, אויב ר' בערעל דער דיין פאַר־שטעהט אז חצות צייט איז זיך צו זעצען ביי דער טיר, איינגעבויגען הכנעה־דיג ווי א זעקעל דאַרע ביינער, עצמות היבשות; ער האט געקרעכצט און גע־וויינט מיט א איכה ניגון, און ווי מיט געפרוירענע רעדער אויף א גליטשיגען אייז וועג אין א קאַלטער גרויער ווינטער נאכט האָבען זיך געצויגען זיינע טענער און בכיות אויף דעם, וואס ס'איז ניטאָ קיין בית המקדש און עס איז בטל די קרבנות, קדשים, קדשי קדשים א.ז.וו. אבער מיר חסידים זאָגען, אז יעדע אידישע האַרץ איז א בית המקדש, דאס פינטעלע איד איז דער קדשי קדשים, א סעודה של מצוה בשמחה איז ווי קרבנות, א חסידישער פרעהליכער זמר איז דער שיר וואס די לויים האבען געזונגען, און גלייכצייטיג א שיר לעתיד לבוא. און ווען מיר חסידים זענען בשמחה און אחדות, דאס איז א שטיק בנין בית המקדש, און ווי קען מען טרויערן, זיין בעצבות'דיג, אז „שכינה

הקדושה בתוכינו," אז די שכינה איז מיט אונז און אין אונז. ברויכען מיר זיין בשמחה, און טרייסט, אז „עמו אנכי בצרה"...

די ווערטער האט ער ארויסגעזאגט אזוי התלהבות'דיג, אז מיר זענען אלע אריין אין הייליגע פרעהליכקייט. מיר האבען געהאט „גילוי שכינה." מיר האבען דערזעהן א אור פון לפני ולפנים, א ליכטיגקייט פון אור שבעת הימים. מיר האבען געהערט דעם געטליכען קלאנג אין דער טיפעניש פון אונזער נשמה. דאס ווארט „אנכי". מיר האבען געזעהן ווי די גייסטיגקייט געציהרט אין הייליגע לבושים מיט דעם כתר עליון" געהט אראב פון דעם כסא הכבוד פון דער הימלישער מלוכה און דרינגט אריין טיף אין אונזערע הערצער, אונזערע הערצער זענען געווארען א „הימעל", טאקע, „בוער באש עד לב השמים"... און מיר האבען געפיהלט און געאטעמט דעם „קבלת התורה", די תורת החיים, פון שמחה, לעבען און חדות החיים, ר' מאירל דער שטיבעל גבאי, האט אויסגעזונגען פרעהליך „שושו ושמחו בשמחת תורה," אלע חסידים האבען דאס אונטערגעכאפט, אזוי האט מען פארבראכט ביז דער ערשטער מזרח שיין האט זיך באוויזען אויפן הימעל, און האט אויפגעוועקט די גאנצע שלאפענדיג פאר'חלומטע וועלט, און די גאנצע בריאה האט געזונגען דעם פרק שירה צום בורא...

מיר האבען דאן געזעהן בחוש ווי א געטליכע סודות'דיגע האנד שרייבט אין דעם גרויסען אונענדליכען וועלט רוים מיט פייערדיגע אותיות דעם „בראשית," „יהי אור," עס זאל זיין ליכטיג... באלד האט זיך דערהערט דאס זינגען פון די יונגע פויגעלעך דורכגעמישט מיט הערליכע דבקות, און פון גרויס התלהבות זענען מיר מיט רקודה און געזאנג ארויס אויפן שטעדטעל, מיר האבען אלע אויפגעוועקט מיט אונזער פרעהליכען זינגען. תחילת האבען זיי זיך דערשראקען, זיי האבען געמיינט אז עס ברענט, וואס איז קיין נייעס ניט געווען ביי אונז אין שטעדטעל, און אלע, גרויס און קליין, יונג און אלט, אידען און גוים, זענען ארויס האלב נאקעט, ווער אין די תחתונים מיט דער האנד צוגעהאלטען, וואס האט פון גרויס שרעק ניט אוספעיעט צו פארקנעפלען, א פרוי איז ארויס איינגעהילט אין מאנ'ס כאלאט, אן אלטער איד אין א ווייבערשען שאל. עס איז געווארען א בהלה, דער האלב פארשלאפענער שוטר איז מיט א גרויסען געניץ געבליבען שטעהן און געקוקט, צי עס ברענט. דער שטאדט שומר איז געקומען צולויפען בייז, מלא רציחה, אבער ווי זיי האבען דערזעהן די גרויסע שמחה און די רקודים פון די חסידים האבען זיי זיך בארוהיגט, און שמייכלענדיג צוגעשאקעלט מיט די קעפ און זיי געווינשען א גליקליכע רייזע. אזוי זענען מיר ארויס אונטער'ן שטעדטעל און מיר זענען געפאהרען צום רבי'ן, עס זאגט זיך „געפאהרען". מיר זענען מעהר געגאנגען ווי געפאהרען. מיר האבען באמת „עולה רגל" געווען, ווארום מיין זיידע פלעגט זאגען, אז ווען ער געהט צום רבי'ן, איז ער משיג דעם טעם פון דעם עולה רגל זיין אין בית המקדש, און דאס איז די הכנה, צום שבועות, צום אקדמות, צו רות, און קבלת התורה.

אקדמות — זמן מתן תרתנו

„פאָעזיע, הייליגטום און התלהבות"

פון פסח אָן האָבען זיך די חסידים „מוכן" געוועזען צו די טעג, ווען עס וועט זיין שבועות, דער יום טוב פון „זמן מתן תורתנו." ר' מאיר'ל גבאי פלעגט אפילו זאגען, אז ביי אונז חסידים, איז ניטא א באזונדערע צייט פון „מתן תורה"; אין דער תורה איז ניט באצייכענט דער טאג ווען מען האט געגעבען די תורה, ווייל ביי אונז חסידים איז יעדער רגע אין לעבען, יעדער „דקה מן הדקה" א זמן מתן תורה, וואס איז צוזאמענגעבונדען מיט די אונאויפהערליכע „השתלשלות" ענטוויקלונג פון דער וועלטס שעפונג. אין יעדער שטראהל ליכטיגקייט זעהען מיר דעם „אור הנעלם," דעם גרויסען „אין סוף," די אונענדליכע געטליכע ליכטיגקייט. דער לויטערער הימעל איז ווי א גרויסע הייליגע פארמוט, אויף וועלכען די שטערען זענען ווי אותיות, תגין, נקודות, מיט וועלכע עס איז געשריבען די נשמה־תורה, אין יעדען גרעזעלע און אין יעדער פויגעל געזאנג, אין יעדער קול דממה דקה, אין יעדער טיפער מסתרים'דיגע וועלטס שטילקייט זעהען מיר און הערען מיר ווי דער וועלטס בורא, געציערט אין זיין הייליגען תפארת תכלת'דיגען טלית, מיט דעם כתר־מלכות, איינגעפאסט מיט אונצעהליגע ספיר שטיינער פון חושן ואפד פון רעיונות השגות פון די מענשליכע נשמות, בקשות, תפילות, אויסגעשמידט דורך דעם כח פון אהבה התלהבות, קדושה, טהרה, — מאכט שטורמען דעם גאנצען „עולם ומלואה"... די הויכע הימלען, די טיפע וואסערען, די דיקע שטארקע טענענבוימער, די מעכטיגע בערג, די פעלזען זאָגען „אנכי"... און דערביי קלינגט אָב די גאַנצע יצירה, די גאנצע בריאה פון די „שרפים חיות ואופני הקודש". די סודות'דיגע וועזענס ביז די נידריגסטע וועלטס באשעפענישען אלע מיט איין ליבליך שירה קול ענטפערען „בראשית ברא אלקים"... מיר האבען שטענדיג דעם הייליגען ציטער, און מיר זענען מקבל די רוחניות'דיגע פייערדיגע לוחות, וואס קענען ניט צובראָכען ווערען...

פונדעסטוועגען איז די הכנה צו שבועות געווען מיט א באזונדערע התלהבות, צוליב דעם וואס מען מאכט א נסיעה צום רבי'ן, מען איז „עולה רגל", און וואס נעהענטער עס איז געווארען צו שבועות, אלץ שטארקער און התלהבות'דיגער איז געווארען די הכנה...

צום עולה רגל זיין צום רבי'ן איז מען זיך צוזאמענגעקומען פון פארשידענע שטעדט און שטעדטלאך. מען איז פארוואנדעלט געווארען אין איין גרויסע משפחה, קרובים, ווייטע און נאהענטע, אלט און יונג, רייך און אָרים,

לומדים און פשוטע אידען, זענען געוואָרען „אנשי שלומינו". חברים כל ישראל. עס זענען געוואָרען אָבגעווישט די גרעניצען פֿון „דו", „איהר", „רב", פֿון „מיינס" און „דיינס". עס האָט זיך געפֿיהלט א וואַרימע ליבליכע ברודער־ליכקייט, א הערצליכע אייניגקייט. דער אמת'ער טייטש פֿון „שלי שלך ושלך שלך חסיד." אלע זענען געוואָרען ווי א גרויסער שטאַרקער בוים מיט פֿאַרשי־דענע צווייגען, א אילן מיט „ענפים". אלע האָבען באַקומען א „אחיזה", א אינהאַלט אין איין גרויסען אייביגען נשמה וואָרצעל, „נצח שביסוד" פֿון אין סוף. אלע האָבען געצויגען „יניקה" פֿון א קוועלדיגען ריינעם לויטערן ברונעם „באר מים חיים", אלע האָבען געאָטהעמט וואַרימקייט, לופֿטיגקייט פֿון הייליגען התלהבות'דיגען פֿייער, פֿון דעם פֿאַרבאָרגענעם ליכטיגקייט פֿון „אור שבעת הימים"...

מיר חסידים האָבען געפֿיהלט אין דעם פֿריהלינג מיט זיין שפּראָצען און בליהען געהיימע סטרונעס פֿון דוד המלך'ס פֿידעלע. די אונשטערבליכע נשמה קלאַנגען און געזאַנגען פֿון לעבען און בליהען, יוגענד און פֿרישקייט, דער פֿידעלע פֿון „חי וקים... זינגען און שפּילען די נשמה פֿריינדליכע „ידיד נפש" שירה, הדר נאה זיו העולם. נפשי חולת אהבתך". שעהן, באַחנ'ט איז די וועלטס שעהנקייט, מיין נפש איז קרענקליך פֿאַרליבט... דאָס איז געווען דער „אקדמות", דער „אלף בית", וואָס מיר האָבען געלערנט און געפֿיהלט, און מיט דעם האָט מען זיך מכין געווען צו דעם יום טוב שבועות — צו דער נסיעה...

באַלד ראש חודש סיון איז מען שוין געווען פֿאַרטיג צום עולה רגל זיין, יעדער האָט מיטגענומען אין וועג עפּעס „צידה לדרך". די באָבע חוה עליה השלום, האָט מיטגעגעבען פֿריש געבאַקענע מילכיגע חלות מיט קעז, און נאָך פֿאַרשידענע „שאר ירקות" און מיט א צניעות'דיגע רות שטימע וואָס איז דורכגענומען געוואָרען מיט הייליגטום, ליבליכקייט און טהרה, האָט זי אנגע־וואונשען אלע א פֿרעהליכע געזונטע נסיעה.

יצחק'ל קונדאס איז געווען דער „אויפֿזעהער", דער „משגיח" און אונטער זיין האנד, איז געווען דער גאַנצער פּראָוויאַנט, דער „צידה לדרך" וואָס יעדער האָט מיטגענומען פֿון דער היים, א ביסעל בראַנפֿען האָט — פֿאַרשטענדליך — ניט געפֿעהלט, וואָרום, ווי פֿלעגט זאָגען מיין זיידע ר' משה, א איד א חסיד טאָר ניט זיין אָהן אביסעל בראַנפֿען, ווייל טאָמער גיט מען א זאָג די גוטע בשורה, אז משיח איז געקומען, וועט דאָך זיין א חרפה און בושה, אז מ'וועט ערשט דאַרפֿען ארומלויפֿען איבערן שטעדטעל, זוכען אביסעל בראַנפֿען. און ממילא אז עס איז געווען א ביסעל יי"ש האָט מען דאָך שוין געהאַט מיט וואָס צו זאָגען „תפילת הדרך", אזוי באַלד ווי מען איז נאָר ארויסגעפֿאָהרען פֿון שטעדטעל.

עס רעדט זיך נאָר אזוי, געפאַהרען. מען איז באמת געגאַנגען מעהר ווי געפאַהרען. מען האָט עולה רגל געווען. די פוהר איז געוועזן א מין זכר לחורבן...—האָט יצחק'ל קונדאס געגעבען יעדען א ביסעל יי"ש, און דערביי הלצה'דיג געזאָגט:—חברה מאכט א „שהכל" און זאָגט א „לחיים". וואָרום ווי קען מען זיך פאַרשטעלען מקבל זיין די תורה בשמחה אהן א לחיים...

פאַרביסען האָט מען מיט א חסידיש פרעהליך קנאַקעדיג זמר'ל „שישו ושמחו בשמחת תורה". אזוי האָט מען אנגעהויבען צו לערנען די סדרה, „אלה מסעי בני ישראל", און „ויהי בנסוע הארון"... און אזוי איז מען צוגלייך מיט דעם מאָרגען שטראַהל, דער נץ החמה, ארויס פון דעם שטעדטעל. עס איז שוין פאַרשוואונדען געוואָרען דאָס גאַנצע שטעדטעל, מיט איהר גשמיות־דיגען חלל, וואו מענשען שלאָפען און חלומ'ען, מיט דברים בטלים'דיגע תאות און קרעמעריש קלאַנגען און פאַרלאַנגען. און מען האט עולה רגל געווען, שפאַצירט צווישען פיעל פאַרביגע פעלדער מיט די פאַרשידענע מינים זאַנגען און גרעזעלאך, וואָס זענען מיט פריהלינג טוי באַצירט, ווי זיי זענען יעצט לכבוד דעם מאָרגען שירה „תפילת השחר" פאַר דעם וועלט'ס בורא, טבילה געגאַנגען; און מנוחה'דיג, מיט א צניעות'דיגע מתינות'דיגקייט, געבלאָזען פון א פריש קיהל מזרח־ווינטעלע, בויגען זיי באהנ'ט די קעפעלאך, ווי א יונג קינד וואָס ווערט געגלעט צערטליך פון וואַרים ליעבליכע מוטער הענט. און א דינע נץ־החמה, מאָרגען שטראַהל וועבט זיך דורך ווי דינינקע גאָלד און תכלת פעדים אין א שעהן זיידענעם פרוכת... די גאַנצע מנוחה'דיגע ריינע לופט, הימלישע לויטערקייט, „זוהר הרקיע", ווערט אָפטער איבערגעריסען פון פישטשען און שוועבען פון פאַרשידענע פליגעלעך און פויגעל, וואָס שפּילען זייערע אונענדליכע האַרציג מתיקות'דיגע פערעלדיגע טענער און זאָגען דער וועלט דעם טוב ומטיב'דיגען „גוט מאָרגען". און מיט דעם אויג נעמט מען ארום דעם „אור המקיף", די ליכטיגקייט פון וועלכע עס איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען. גאָט האָט זיך א מלבוש פון ליכטיגקייט אָנגעטהון און האָט די וועלט באַשאַפען... „הוד והדר לבשת עוטה אור כשלמה".

מען האָט אין זיך אריינגעאָטהעמט דעם טל־ריח, ווי ריינע הייליגע קטורת וואָס טראָגט זיך פון די פעלדער אין וועלדער. און וואָס נעהענטער מיר זענען צום אַלטען גרייז גרויען וואַלד צוגעקומען, אַלץ מעהר האָט זיך גע־שטאַרקט דער התלהבות'דיגער גייסטיגער דורשט, דער רוחניות'דיגער צמאון צום פאַראייניגען זיך און פיהלען די געטליכע „אנכי" קלאַנג, מיט דעם „בראשית"דיגען תורה שאַפונג, די טבע שעהנקייט מיט דער הייליגער חוץ לדרך הטבע'דיגע „היה הוה ויהיה'דיגע אני מאמין".

דער וואַלד מיט די הויכע דיקע דעמבעס, מיט די ווייטע, גרויסע צווייגען, ווי גבורים באַוואָפענט, א גבורה פון לעבען און שטאָלץ „חסד שבגבורה". נעבען זיי די דינע הויכע יונגע סאָסנעס מיט זייער אריסטאָקראַטישען אויסזעהן

ווי די „מטרניתא", א בת מלכה מיט איהר יחסנ'יש ירושה'דיגע כלה מתנות, ווי א לעגענדארישע פארקערפערונג פון א צניעות'דיגע נאאיווע שטיל באַשיידענע צערטליכע יונג־פרוי רות...

אזוי פארטראַגען פארמוט'ט אין טיעפע געדאנקען און חקירה השגות, רעיונות, השקפות, טראַכטען און דענקען, זענען מיר אין וואלד אריין, און מיר האבען זיך אויסגעמישט מיט די בוימער, וועלכע זענען געשטאַנען, און זיך מאַיעסטעטיש מלכות'דיג באוויזען איינגעהילט אין ריינעם הימלישען לויטערקייט. ווי אין טליתים האבען זיי מיט די צווייגען, ווי מיט אויסגעשטרעקטע הענט, און פינגער מתפלל געווען און געזונגען א שירה צום בורא. מיר האבען געפיהלט דעם קלאַנג, „אז ירננו כל עצי יער"...

די בוימער פון וואלד זינגען... און א הארציגע השתפכות הנפש, א התעוררות פון חשמל פייער, האט זיך צונויפגעגאסען און מיר האבען א רקידה געמאכט, א „חינגא לבהדא דשכנתיא"... א הייליגע שכינה טאַנצט ארום און ארום. אפט האט זיך געדאכט, ווי די בוימער זענען אין מיטען און מאכען אויך א רקידה. מיר האבען געזונגען וואָס מעהר התלהבות'דיגער, הערצליכער, נשמה'דיגער. פון ר' מאיר'ל גבאי האט זיך ארויסגעריסען די תפילה „תאיר ארץ מכבודיך... מהר אהוב כי בא מועד"... זאל די וועלט דערלייכט ווערען פון דיין כבוד, אוי, עס איז שוין צייט...

דערביי איז יעדער פון די חסידים פון גרוים דביקות און התלהבות ווי אין א באזונדערען היכל און מסתרים אריין, באזונדער איז דאָס געווען צו דערקענען אין דעם גרויסען ר' אהרן, וועלכער האָט זיך געזעצט אָברוהען, — דערפרישען די כחות, — אויף א אָבגעהאקטען בוים, וואָס עפעס א אכזריות־דיגע האנד פון א מגושם'דיגען בשר ודם האט אזוי אונרחמנות'דיג פריה־צייטיג אונטערגעהאקט. ער, ר' אהרן, איז געזעסען פארקלערט, דאס האָט איהם א טיעפער וועהטאג און צער ארומגענומען. ער האָט געזעהן, אז אין דער שעהנער מנוחה'דיגער שלום'דיגער יצירה, איז דאָ א מערדערישע האנד, וואָס שטעכט, צוברעכט, שאַפט צער און רופט ארוים צאָרן... ער האָט א קרעכץ געגעבען, ווי א מעסער האָט זיין הארץ א שטאָך געטון. ער זינגט „מנן ומאן הוא רחימך, שפירך בריותא, ארום בגיניה ספית מדור אריותא"... פון וואנען און ווער איז דיין שעהנער, וואָס פאר איהם געהסטו אין לייבען־גרוב... אָבער באלד באוויזט זיך א רויטער שיין אויף זיין ווייס ריינע יריעה'דיג פנים, עפעס א שטראהל פון האפנונג און ער זאגט: "גויל אלו רקיע קני כל חרשתא"... ווען דער גאנצער הימעל זאָל זיין פארמוט, און שרייב־פעדער אלע וועלדער, וואָלט מען ניט געקאנט באשרייבען די שעהנקייט, געזאַנג־קלאַנג פון דער וועלטס שירה און וועלטס סוד... און ביי די ווערטער האָט ער זיך אויפגעשטעלט ווי א גבור א ריטער פון לעבען און געזאגט:

—התלהבות׳דיג, חברה ארויס פֿון מסתרים, פֿון שטילקייט, אריין אין עולם הניגון, קיין חשבונות, קיין קלעהרען. דאס שלעכטע און אכזריות׳דיגע וועט דורך דער געטליכער האנד פֿארטיליגט ווערען, דער „שיר הבור״ און „לויתן״, די אכזריות, קנאה, שנאה, וואס נעהמט זיך פֿון די גשמיות׳דיגע תאוה׳דיגע גוף פֿארלאנגען וועלען דורך די פֿייערדיגע שווערד פֿון בורא פֿון „רחום וחנון״ אבגעמעקט ווערען. די וועלט וועט פֿון הייליגען שמן המשחה געזאלבט ווערען, זאלען מיר ווערען אנגעטרונקען מיט התלהבות בגילופֿינדיג הייליגטהום, „יין המשומר״, מיט וועלכען דער „בורא״ וועט „קידוש״ מאכען, און דאן וועלען נתגלה ווערען די סודות התורה וואס זענען פֿיל מיט לעבען תורת החיים. מען האט געזונגען „עליונים ששו ותחתונים עלזו״—און מיט דעם כח פֿון התלהבות׳דיגע שמחה אהבה איז מען געגאנגען ווייטער. אזוי האט מען פֿארברענגט די נסיעה ביז דעם ערשטען טאג פֿון די „שלשת ימי הגבלה״ זענען מיר אין דעם שטעדטעל ביי דעם רבי׳ן געווען און געפראוועט א שבועות, אבער א שבועות, מלכות שבמלכות — אנכי...

טויט און פרעהליכקייט

1. ווי אזוי ר׳ משה חסיד איז געשטארבען.

אלע אין שטעדטעל האבען געוואוסט, אז מיין זיידע, ר׳ משה חסיד, האלט שלעכט. דער דאקטאר האט געזאגט, אז די שלאפקייט איז שוין די עלטער, און די טעג זענען געצעהלטע. קיין יונגער מענש איז שוין דער זיידע נישט געווען, אין שטעדטעל האט מען געזאגט אז ער איז שוין א בן תשעים. נאר ריכטיג האט קיינער ניט געוואוסט, ער פלעגט זאגען, אדער מען ווערט געבוירען א 90-יעהריגע, א „עבר ובטל", אדער מען שטארבט צו 120 יאהר יונג פריש, פרעהליך מיט אלע 5 חושים... אז ר׳ מאיר׳ל, דער שטיבעל גבאי, האט געפרעגט ר׳ משה׳ן: ווי אלט זענט איהר? פלעגט ער הלצה׳דיג ענטפערען: איך בין שוין ברוך השם „בר מצוה". און וואס עלטער ער איז געווארען, אלץ שעהנער איז זיין פנים געווארען, א אונשולדיגע ליבליכע יוגענד ריינקייט, אין איינעם מיט א טיעפע, דענקענדע הדרת קודש׳דיגע ערענסטקייט, האט מיט א באזונדערען פאטריארכאלישען יראת הכבוד׳יגען זקנה־חן, דעם „זעיר־אנפין׳דיגען" צלם אלקים באדעקט. פון טאג צו טאג איז ער מעהר בשמחה געווארען, מעהר בגילופין׳דיג. ער פלעגט זאגען: „איך האב מיך שוין אויסגעלערענט שטארבען. איך וויים שוין ווי אזוי א איד שטארבט, און איך פרעה מיך, אז איך וועל אוועקגעהן פון דער וועלט ווי א איד, און איך האב דערלעבט צו שטארבען ווי א איד... דאס איז שוין א שטיק עולם הבא—א טעם גן עדן"...

א באזונדערע הייליגע, העכערע תשובה בענקשאפט—תשובה עילאה—האט ארויסגערופען דעה לעצטער טאג, ווען דער זיידע איז געלעגען אין דעם ריינעם, וויים־איבערגעצויגענעם בעט, מיט א וויים ווי שנעע, קאלדרע באדעקט. דאן האט זיין פנים, וואס איז געווען מיט קאלטען שוויים באדעקט, אויפגעשיינט געווארען מיט א העל רויטען קאליר, ווי א ווייסע צערטליכע בלום, מיט וואס דער מארגען שיין באפונקעלט די טוי טראפען. די קנייטשען אויף זיין גרויסען תורה שטערן האבען זיך שנעל באוואויגען. קענטיג, אז ער דענקט איצט טיעפע רעיונות, הויכע השגות, העכערע וועלטען, און דער מח ארבייט אוים תכלית׳דיגע פרוכת׳ן צום כסא הכבוד... און מלבושי כבוד, תכריכים

פאר דער נשמה. די ריינע פארחלום׳טע אויגען פינקלען ווי צוויי נשמה ליכט אין די „היכלות״ אין די „אין סוף״ ליכטיגקייט, פון דעם עבר און עתיד. מיר האבען געזעהן, ווי ער מאכט די לעצטע „הכנות״ מקבל זיין די „שכינה״, און די אייביגע „מנוחה״. אט באלד וועט זיך אויפהויבען דאס „פרוכת״ וואס טהיילט פון „קודש״ און „קדשי־קדשים״, פון צוויי פארשידענע וועלטען „עולם הזה״ און „עולם הבא״, און איז דעם גרויסען אונענדליכען „אין סוף״ וועט דאס פאראייביגט ווערען.

עס איז שוין געוועזן די לעצטע שעה פאר׳ן טויט, די חברה קדישא, מיט׳ן גבאי, דער רויטער דניאל, זענען געקומען ווי מלאכי חבלה, זיין גרייט ביי יציאת נשמה און מעשה תקיף, ווי א מיליטער נאטשאלניק, מיט א קול פון א קאלטען גזלן, האט ער דעם זיידען, ר׳ משה׳ן, געהייסען וואשען די הענד, צו זאגען ודוי, און א צוואה איבערלאזען. דער זיידע, וואס האט זיך געפיהלט שטארק מבויש׳דיג פון זייער פקידה, האט א וואונק געגעבען צו ר׳ מאיר׳ל דעם שטיבעל גבאי, וועלכער איז געזעסען נעבען זיידען׳ס בעט, שוין א לענ־גערע צייט, און געשמועסט א רעיון אין פסוק „וזרח השמש ובא השמש״. עס שיינט אויף די זון, „אל מקומו שואף זורח הוא שם״, צו איהר ארט שוועבט זי... און דארט שיינט זי... און הלצה׳דיג זאגט ער צו ר׳ מאיר׳ל: „מאיר׳ל ברודער! ענטפער זיי!

ר׳ מאיר׳ל זאגט צו דעם חברה קדישא גבאי, דעם רויטען דניאל: „וואס מיינט איהר, אז ר׳ משה שרעקט זיך פאר א חברה קדישא מיט א „מעבור יבוק״, א חסיד האט ניט קיין מורא, ניט אזוי פאר׳ן רויטען דניאל, וואס איז ווי א אונטערהעלפער פון מלאך המות, נאר אפילו פאר׳ן מלאך המות אליין שרעקט ער זיך אויך ניט, א חסיד שטארבט ניט, נאר מיט „מיתת נשיקה״... איהר, אז איהר זאגט דעם נוסח פון „צדוק הדין״ און „מנחם אבל״, און ענדיגט מיט די ווערטער „בלע המות לנצח״ מען זאל שוין באהיט ווערען פון צער, און בשעת מעשה טראכט איהר זיך, וואס וועל איך, דניאל, טהון מיט מיין גבאות, איך פיהר דאך א „מלוכה״ אין שטעדטעל, אלע ציטערען פאר מיר, אפילו די גרעסטע וואוילע יונגען, און בעריל דער טויבער כאפער; זיי ווייסען אז פון מיינע הענד קען מען זיך ניט ארויסדרעהען. און ווען איהר זעהט דעם גראבען איציק, וואס האלט די מיהל ביי דעם שררה, און איז זעהר רייך, טראכט איהר זיך, „גוט, פאשעט אייך, ר׳ איציק, זעהט, אז איהר זאלט האבען א גראבען בויך, נשקשה, איהר וועט שוין פאר דעם אלעם באצאהלען, מיר חברה קדישא, וועלען שוין ביי אייך מאכען א „חשבון צדק״...

און ניט איין מאל, האט איהר שוין געגעסען „געגזלאך״ מיט „פיפעק־לאך״ און געמאכט א „שנאפס״ פון די „שטארבענדיגע סחורה״... אייער בראנפען טרינקען איז דורכגעמישט מיט בלוטיגע טרעהרען פון צובראכענע הערצער פון יתומים ואלמנות. אייער „מלוכה״ איז נאר וואו ס׳איז טרויער

און טויט, חשך און שווארצקייט, אבער, ניט ביי אונז חסידים! שטארבען איז נאר שרעקליך און טרויעריג פאר דעם וואס מען נעהמט מיט אין „קבר" דעם „סוד" פון לעבען, דאס בענקשאפט נאך דער יוגענד און לעבען און ווערט אויף אייביג באגראבען, און קנאה וואס „אנדערע" בלייבען לעבען... ביי חסידים, דורך דעם כח פון „אהבת רעים" און „התחברות", גיט מען איבער די גוטע ברידער, דעם סוד פון לעבען, און מען לעבט ווייטער, ווי די זון פארגעהט, דאס הייסט ביי אונז „מגולגול" געווארען. די נשמה געהט ארויס פון איין גוף און מוח, און איז זיך מתלבש אין אלע חברים, געהט אריין אין מח און אין כח פון אונז אלע, ווי די זון פאר דעם אונטערגאנג צוגיסט איהרע שטראהלען אויפ'ן גאנצען מעריב"... און ר' מאיר'ל ענדיגט הלצה'דיג: „איהר, ר' דניאל, איהר זענט דאך ניט קיין נאר. איך פארשטעה, אז א גבאי פון דער חברה קדישא מוז זיין א איד א גרויסער חכם... האט איהר געברויכט פארשטעהן, און זיך זוכען אנדערע „מסחרים", ניט קומען מיט אייער „גווארדיע" דא צו אונז חסידים. ווען מיר געהען זיך „געזעגענען" מיט אונזערן טייערען חבר, ברויכט דאס צו זיין טאקע בשמחה... ווי שטעהט דארט „ותשחק ליום אחרון", זי וועט זיך פרעהען אין דעם לעצטען טאג", טראגט אייך אב און בענטשט „גומל", אז מען האט אייך נישט געמאכט א „משכנתא" און איהר געהט אוועק מיט גאנצע ביינער...

די גאנצע צייט האט דער זיידע ר' משה געקוקט אויף ר' מאיר'לן, און געשאקעלט מיט'ן קאפ, ווי ער איז אלעם מודה, און זאגט: „מאירל ברודער! מן הסתם ביזטו געקומען צו זיין ביי מיין יציאת נשמה, נישט ליידיג, געוויס האסטו מיטגעברענגט א ביסעל י"ש „אויף תיקון הנשמה" בעט איך דיך טהו מיר א „חסד של אמת" א ריכטיגען חסד און גיב מיר צו מאכען „שהכול".

דער רויטער דניאל איז געבליבען שטעהן, ווי א פארלוירענער, אונבאוועגליך. ער האט יעצט אויסגעקוקט ווי א שטיינערנע סטאטוע, ווי די „צורה" אויף דעם אפטייקער'ס הויז, בלאס וויים, ווי א דערשראקענער, א „ווייסער דניאל", און איז האלב מבויש'דיג האלב ברוגז'דיג ווי אפגעשמיסען ארויסגעגאנגען, נאך איהם, איינציגווייז, דורך דער הינטער טהיר די יוצר משרתים פון דער חברה קדישא, און זענען נעלם געווארען.

ר' מאיר'ל האט מקיים געווען דעם זיידען ר' משה'ס רצון, איהם דערלאנגט דאס פלעשעל, י"ש, מיר אלע חסידים האבען זיך געגרייט צו דעם לעצטען „געזעגענען"... א באזונדערע ווארימע אהבה און אינערליכע טיעפע נשמה'דיגע בענקשאפט, האט אונז אלע צוזאמענגעפלאכטען ווי א „הבדלה" פלאקער, א התחברות'דיגער גייסטיגער אונשטערבליכער קשר, בינדט אונז צוזאמען, ווי „נשמות קושען" זיך אין א סודות'דיגע אהבה. דער זיידע האט זיך געוואשען די הענד, אנגעגאסען א בעכערל י"ש, געמאכט א „שהכול", גע־

טרונקען צו די חסידים „לחיים”, געדריקט ברידערליך פֿרעהליך די הענד ר׳ מאיר׳לען, און געזאָגט: „מאיר׳ל ברודער, גלוי וידוע, דער רבונו של עולם ווייסט אז איך משה חסיד האָב געהאַט „אהבת ישראל”״, און איך האָב עפּעס צו זאָגען, איז, ווי זינגט מען ביי אונז חסידים „ניט געדאַווענט און ניט געלעהרנט; גאָט און מענשען האָב איך אויך ניט דערצערנט...„און שמייכ־לענדיג ווייטער געזאָגט: אתה עדי, דו מאיר׳ל ביזט מיין עדות, אז וואָס עס איז געוועזן ביז היינט איז פֿאַרפֿאַלען, נאָר מהיום והלאה וועל איך ניט זינדיגען מעהר..—אז מען האט אהבת ישראל קען מען ניט זינדיגען”. און צו די חסידים ווענדעט ער זיך און זאגט: „לחיים, לחיים, ברידער און קינדער! הערט כל ימי, אלע מיינע יאהרען, האָב איך „משתוקק” געוועזן, און געהאַפּט, דאָס מיין נשמה זאל אויסגעהן צווישען אידען, בשמחה, דאָס דער סוד פֿון לעבען אהבה, שמחה, זאָל נישט באגראָבען ווערען מיט׳ן גוף, און איך בין זעהר צופֿרידען, וואָס דאס ווערט מקוים”. ער ווענדעט זיך ווידער צו ר׳ מאיר׳לען און זאגט: „וואָס זאגסטו מאיר׳ל צום ענין חיבוט הקבר, שבעה מדורי גהינם, און מלאך דומה? דו קלערסט, אז א חסיד שרעקט זיך עפּעס פֿאר די אלע זאכען, דו ווייסט דאָך, אז א חסיד איז מבטל און מפקיר אלעם כעפֿרא דארעא, איין מינוט עצבות, איין רגע אָהן אהבת ישראל און שמחה, איז אַ גרעסערע וועהטאָג, ווי דאס ערגסטע גהינם. עצבות איז דער מלאך המות פֿון דער נשמה”...

„חברה זאָרגט ניט—שרייט ער אוים התלהבות׳דיג, און אָנשטרענגענדיג די לעצטע כחות, מיט א אמת׳דיג מסירות׳ נפש, און שמחה, רופט ער אוים: „חברה זיצט נישט פֿאַרזאָרגט, עצבות׳דיג, זייט ניט מרה שחורה, ווי אבלים רחמנא לצלן. איך בין אייך „מנחם אבל” און בין אויף אייך גוזר, אז איהר זאָלט זיין בשמחה. איך משה בין געוועזן מיט אייך און וועל ווייטער זיין מיט אייך... און זאָג אייך „בצואה”, אז די גאַנצע שבעה זאָלט איהר בבקר ובערב, בין מנחה למעריב־צייט, טרינקען בראָנפֿען, גלויבט מיר, אז מיין גאַנצע עגמת נפש באַשטעהט נאָר אין דעם, וואָס איך וועל ניט קענען זיין ביי אייער משקה טרינקען... מיינע ביידע פֿאָר תפילין גיב איך אייך בירושה, אויף דעם תכלית, ביי דעם טרינקען זאָלט איהר אין זינען האָבען — ווען איהר וועט מאכען אַ „שהכל” — צו זאָגען קדיש, אמת׳דיגען קדיש — יתגדל ויתקדש שמיה רבא — טאקע לעילא, ולעילא... מכל בירכתא ושירתא... תשבחתא ונחמתא”... און כדי מקיים זיין דעם ענין „עבדו את ה׳ בשמחה”, די לעצטע מינוט פֿון לעבען, זאגט ר׳ משה די ווידוי: רבונא דעלמא כולא, איך האב טאקע געגען דיר געזינדיגט, אבער, איך האָב פֿון דיר אויך קיין האָניג ניט געלעקט... זיי דו מיר מוחל, און איך בין דיר מוחל, און דו מאיר׳ל ברודער, גיב מיר א „מעבור יבוק׳ל” דאָס איז א גלעזעלע יי״ש, וועל איך זאָגען, צום בורא עולם, א „שהכול נהיה בדברו” און ער זאָל מיר ווינשען „לחיים, לחיי עולם הבא.”

ביי די ווערטער, האָט זיך ביי איהם באַוויזען אַ פֿריידליכע, ליבליך קינ־דישע מילדער שמייכעל אויף דעם רוחניות'דיגען פּנים, ווי ער האָט די רעכטע האַנד אויף דעם האַרץ געלעגט — קענטיג, אַז ער נעהמט דאָס האַרץ פֿאַר אַ עדות, און דענקט דעם שיר „שימו לב אל הנשמה — מכסא כבוד חצבה"...
די אויגען האָבען אַ שטאַרקען שטרענג־ערנסטען בליק געגעבען ווי עס איז איהם שווער געווען צו קוקען אין דער אייביגקייט... די ליפּען האָבען זיך בניעמות'דיג באַוואויגען, ווי ער האָט עפּעס אַ קוש געגעבען... ווי ער זאָגט עפּעס, אודאי אַ ברכה פֿאַר דער וועלט... און איז שטיל מנוחה'דיג, בשמחה ווי פֿאַר'חלומ'ט געוואָרען... מיתת נשיקה...

— אָט דאָס הייסט געשטאָרבען ווי אַ חסיד, רופֿט אויס ר' מאיר'ל גבאי. אין שטוב איז ניט געוועזען צו באַמערקען קיין פּחד, גלייך ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען קיין מת אין שטוב. עפּעס אַ „הילולא", אַ שטיק „חתונה", אַ באַהעפֿטיגען, אַ דביקות פֿון דער נשמה מיט איהר שורש, מיט איהר בן זוג די שכינה, וועלכע זיצט אויפ'ן כסא רחמים, איבער'ן אוצר הנשמות...

די לויה איז געווען ווי מען פֿיהרט אַ חתן צו דער חופּה. אַ שעהנער פֿרייער, הערליכער זומער טאָג. די פֿיעל פֿאַרביגע פֿעלדער גיבען אַרויס אַ גן־עדן ריח. אַלעס איז מיט נאַטירליכע צירונג באַצירט. ווי די וועלט איז די „שושביניו" „אונטערפֿיהרערס". דער הימעל לויטער קריסטאַל ריין, בלאָה, אין די ברעגעס וויים זילבערנע וואָלקענעס ווי אַ תכלית'דיגע פּרוכת־חופּה מיט וויים זילבערנע זוימען אַרום. די זון ווי אַ כתר אין מיטען, די פֿויגעל שוועבען אין דער לופֿט און זינגען, שפּילען ווי כלי זמרים די אונענדליכע הערצליכע טענער, וועלכע בלאָנדזשען אין הויכען וויימען וועלט רוים... אין „עולם הנשמות"... די חסידים האָבען ביי דער לויה פֿאַרשידענע תורות געשמועסט, וועגען לעבען און טויט, גוף ונשמה, נשמה יתירה, אַ רעיון און פּסוק „וימת שם משה לא כהתה עינו... לעיני כל ישראל"... וועגען „שבעה" און „שבע ברכות"... און גלייכע ווערטלאַך, מילתא דבדיחתא. מאיר'ל גבאי איז ווי אַ אמת"דיגער מחותן געוועזען, און ווי אַן בדחן הלצה געזאָגט: „ווי שעהן און גוט איז צו שטאַרבען אין אַזאַ טאָג, ווען אַלעס איז לעבעדיג פֿריי. שמחה'דיג, ווי דערלעב איך אַזוי"...

ווען יחיאל קברן האָט דאָס קבר פֿאַרשיט, און אַריינגעשריגען: „ר' משה, מיר בעטען אייך מחילה, איהר זאָלט לויפֿען און בעטען" — האָט ר' מאיר'ל מיט אַ שמייכעל געזאָגט: „שריי ניט אַזוי, דו קברן, ווייסטו דען נישט, אַז ביים לעבען איז ר' משה ניט געלאָפֿען, זאָל ער יעצט לויפֿען. הערסט דאָך, ווען דו בעטסט מיך מחילה, וואָלט איך יאָ געוואוסט, וואָס דיר צו ענט־פֿערען..."

דער קברן איז ברוגז'דיג אוועק, גלייך ווי מען וואָלט איהם פֿון דער „מלוכה" אַראָפּגעוואָרפֿען.

מיר חסידים האָבען אהיים שפּאַצירט, גלייך צו ר׳ שמואל׳ן אין שטוב דעם ערשטען „לחיים״ צו זאָגען, ווי נאָך אַ „קבלת פּנים״, אַ באַדעקענס פֿון אַ חתן. איך וועל שוין אַזאַ תענוג קיינמאָל ניט פֿיהלען. מיר האָבען דאַן געהאַט אַ אמת׳דיגע „עלית נשמה״ און גן עדן תענוג. מיר האָבען דאַן געפֿיהלט דאָס מגולגל ווערען פֿון ר׳ משה חסיד׳ס נשמה. די אהבת רעים און שמחה, איז ביי אונז דאָפּעלט שטאַרקער, און גרעסער געוואָרען... און מיט אַ שטאַרקערע התלהבות׳דיגקייט האָבען מיר זיך גענומען צום „עבדות״, צו קענען שטאַרבען ווי אַ איד, ריין, הייליג, פֿריי, בשמחה׳דיג.

יעדען טאָג פֿון דער שבעה, בבוקר ובערב, זענען אַלע חסידים געקומען אין דער שטוב פֿון ר׳ משה חסיד, „מנחם אבל״ זיין. דערביי האָט מען גענומען אַ ביסעל משקה, מען האָט געשמועסט פֿון פֿאַרשידענע ענינים, חסידישע תורות. באַזונדערס ערנסט פֿייערליך, בשמחה׳דיג, איז געווען דער לעצטער טאָג פֿון דער שבעה. יצחק׳ל קונדאס האָט אין חסידים־שטיבעל אויסגערופֿען אַז אַלע חסידים זענען מחויב היינט ביינאַכט צו קומען אויף די לעצטע „שבע־ברכות״ פֿון ר׳ משה חסיד, דערביי האָט ער געגעבען צו פֿאַרשטעהן, אַז עס איז אַ גרויסע מצוה פֿון משמח זיין „חתן וכלה״. ווען ר׳ משה דער „חתן״ וועט זיך באַהעפֿטען מיט זיין „בן־זוג דשכינה״, די נשמה וועט זיך באַהעפֿטען צום אמת׳ן שורש פֿון „אין־סוף״, אייביגע אונענדליכקייט. דעריבער מוז יעדער קומען, געבען „דרשה־געשאַנק״ און ווינשען, אַז עס זאָל זיין אַ „בנין עדי עד״... אַלע חסידים האָבען געפֿיהלט אַ חבר׳שען חוב צו קומען, כמעט קיינער האָט ניט געפֿעלט. יעדער האָט דערצעהלט זכרונות, התנהגות פֿון ר׳ משה חסיד, זיינע תורות, זיינע גלייכווערטלעך, שיחות־חולין, ווי ער פֿלעגט פֿרעהליך, בגילופֿינ׳דיג מאַכען אויף דעם וועג פֿון דער נסיעה צום רבי׳ן קיין קאָצק, זיין התלהבות׳דיגע שמחה אין פורים, שמחת תורה, סעודת ראש חודש און בכלל אין יעדען יומא דפגרא. דערביי האָט ר׳ מאיר׳ל, דער שטיבעל־גבאי, גענומען אַ ביסעל משקה און אויסגעשריגען הויך: לחיים ברידער, לחיים ר׳ משה. די ווערטער זענען ארויסגעזאָגט געוואָרען אַזוי ערנסט און התלהבות־דיג, אַז עס האָט זיך געדאַכט, דאָס ר׳ משה איז דאָ איצט אין שטוב, און ר׳ מאיר׳ל גיט צו פֿאַרשטעהן: חברה, מיינט ניט, אַז איך ווייס ניט וואָס איך רעד, אַז אים האָב מיך אנגע׳שיכור׳ט, שיכור איז אַ גוי, אַ חסיד איז בגילופֿינ־דיג, איהר ברויכט דאָך צו וויסען אַז „נכנס יין יצא סוד״, אַז ווען אַ חסיד נעהמט אַ ביסעל משקה ווי אַ איד, און פֿאַרטרייבט די מרה־שחורה, דאָס עצבות, קען ער דאַן משיג זיין די גרעסטע ענינים, און קומען צו הויכע מדרגות ביז עלית הנשמה... ר׳ משה, דער חלק בשר ודם, דעם ווייב און קינדער׳ס חלק, איז ניטאָ, געשטאַרבען, אָבער ר׳ משה, דער צלם אלקים, דער חלק ממעל, איז דאָ מיט אונז, און אין אונז, ער לעבט.

אלע חסידים האבען מיט גרויס שמחה געענטפערט „לחיים, לחיים, זאלען מיר לעבען, און דערלעבען צו שטארבען ווי א איד, א חסיד, בשמחה, און דערביי האט זיך צופלאקערט דאס התלהבות, ווי א הבדלה פלאקער, און מיט הארציגע נשמה בענקשאפט האבען אלע געזונגען פרעהליך „רננו צדיקים"...

אט עפענט זיך די טיר און עס באווייזט זיך די ווייס־דערשראקענע פאר־קלערטע צורה פון ר' בערל דער שטאדט־דיין, וועלכער איז געקומען מנחם אבל זיין. ער איז געבליבען שטעהן ווי פארשטיינערט, ווי א געפרוירענער אייז־מענש. קענטיג, אז ער רעכענט, דא איז גאר א שמחה, ניט קיין ניחום אבלים. אפשר, טראכט ער זיך איז עס א צווייטע שטוב, פארבלאנזשעט. נאר ר' מאיר'ל שרייט אויס: ברוך הבא ,ר' בערל, דער דיין איז דא, קומט אריין ר' בערל, דאס איז די שטוב, איהר האט ניט פארבלאנזשעט, דא איז טאקע די „לעצטע שבע ברכות"... די ווערטער האבען ר' בערל'ן נאך מעהר צוטומעלט, און זיין לענגליך ווייס־בלוי דערשראקען פנים, מיט די אייז־קאלטע אויגען, וואס האבען דורך זיינע לאנגע ברעמען מרה־שחורה'דיג דורכגעקוקט, און די שיטערע האר פון די פאות און בארד, ווי הארטע דראט, האבען א באזונ־דער עצבות'דיגען אויסקוק צוגעגעבען. ער האט אויסגעקוקט ווי א אבל, ווי א האלבער מת, דער גאנצער גוף איז עפעס געווארען ווי איינגעשרומפען, קורץ, פארשטומט, ווי א געפאלענער לייב... ער טראכט זיך, ער איז געקומען מנחם אבל זיין, און געגרייט זיך צו זאגען א רעיון און מוסר וחשבון הנפש אין ענין „דע מאין באת ולאן אתה הולך"... פון וואנען דער מענש קומט, און וואו ער געהט... „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר"... ער קומט פון דער ערד און געהט צו דער ערד... און לסוף איז גאר דא ליכטיג, פרעהליך, פריי...

ר' מאיר'ל נעהמט איהם אן ביי דער אייז־קאלטער, ווייס־ביינערדיגער האנד און בעט איהם זיצען, און דערביי זאגט ער: ר' בערל, קודם כל נעמט א ביסעל משקה, וועט איהר זיך דערווארימען און וועט באקומען א נשמה־יתירה, א ווארימע נשמה. איצט זעה איך, אז אייער נשמה איז פון „עולם־הקרח", פון אייז־קאלטען צפון. ווען איהר וועט נעהמען א ביסעל בראנפען, וועט איהר פארשטעהן, אז דער מענש איז טאקע א „עובר אורח", א רייזענדער, אונטערוועגנס. אבער ווי זאגט חיים'קע דער בעל עגלה, אז פאר דער קרעטשמע מוז מען אויך נעהמען א ביסעל בראנפען, דאן פאהרט זיך בעסער.. ווי זינגט מען ביי אונז חסידים:

„עס איז אוועק דער נעכטען,
עס איז נאך ניטא דער מארגען,
ווי לאנג עס איז דא א פיצעלע היינט,
פארברענגט איהם ניט אין זארגען."

—עצבות איז דער מלאך־המות פון דער נשמה, ר' בערל! — שרייט אויס מאיר'ל גבאי — דער מענש קומט פון מקור הנשמות און געהט צוריק צום

אוצר הנשמות. ווילט איהר האבען א נשמה יתירה, ווילט איהר ניט שטארבען פון דער שווערד פון מלאך המות, זייט בשמחה, בגילופינ'דיג, איהר האט שוין גענוג געקרעכצט, געוועז עצבות'דיג. עס איז שוין צייט, דאס אזא איד ווי איהר, א דיין, זאל תשובה טון, און אריין אין עולם־השמחה, עולם הניגון, וואס איז דער אמת'ער עולם הנשמה, און דער מקור פון דער וועלט/שאפונג, עולם הבריאה. נעהמט א ביסעל משקה, זאגט לחיים, העלפט זינגען „רננו צדיקים", פארזיכער איך אייך, אז איהר וועט פיהלען דעם תענוג און וויסען וואס עס מיינט שטארבען ווי א איד א חסיד...—ביי די ווערטער האט ר' מאיר'ל מיט דעם גאנצען חסידישען ברען און נשמה'דיגע דביקות הויך און התלהבות'דיג גענומען זינגען „וטהר לבנו לעבדך באמת", און די חסידים האבען דאס באלד הערליך אונטערגעכאפט. די לופט איז געווארען ווארימער, ליכטיגער, זיסער, עפעס א „אור שבעת הימים", א גן עדן ווארימקייט, עס איז געווארען א אחדות'קייט ,עס האט זיך געפיהלט ביי דעם זינגען ווי נשמות קושען זיך, הערצער פילען זיך, ווי א רוחניות'דיגער קשר בינדט אלע צוזאמען, ווי די נשמה פון ר' משה חסיד מיט אלע חסידים האלזען זיך פריינדליך, ווי דער טויט מיט דעם לעבען פארבינדען זיך מיט א ליכטיגע ליבשאפט, אין א „אין סוף אור האהבה". א ניי לעבען, א נייע בריאה ווערט באשאפען, ווי מען וועט פארשטעהן דעם געדאנק פון „בלע המות לנצח ומחה ה' דמעה מעל כל פנים..."

דאס האט אזוי געווירקט, אז דער אלטער שטאדט שררה, דער שכן, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען פארטראכט און אריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער, און זיך ערנסט צוגעהערט צו אלעם וואס דא קומט פאר (ער האט פארשטאנען גוט אידיש, ווייל ער האט אלע יאהרען געהאנדעלט מיט אידען, און באזונדערס וויסט מען אז ער שטאמט פון אידען) איז איצט אריין אין שטוב און זיך געבעטען, הכנעה'דיג, ביי ר' מאיר'לן, אז ער זאל איהם מכבד זיין מיט א כוסה, ר' מאיר'ל האט זיין בקשה ערפילט. דער שררה האט אויסגעטרונקען די כוסה, געבעטען א צווייטע, געזאגט אויף אידיש: לחיים חסידים, און זיך אבגעווישט די לאנגע ווייסע פריצישע וואנסען, האט זיך הארציג געשוואוירען ביי ווייב און קינדער, דאס ער האט ליב אידען, און צוגעזאגט, דאס געהענדיג אהיים וועט ער זאגען זיינע באקאנטע, און גוטע פריינד דאס זיי זאלען שטארבען ווי אידען... ער האט זיך פארנייגט, געזאגט א גוטע נאכט און ווי מבויש'דיג נעלם געווארען...

דאס האט שטיל געמאכט דאס זינגען, און יעדער פון די חסידים איז א ביסעל ערנסט פארטראכט געווארען, א חשבון הנפש געמאכט... זיי האבען געפיהלט, אז זיי האבען עפעס א פארבלאנדזשעטע נשמה פון דער בלאטע, פון שואל תחתית ארויסגעצויגען, אז דעם שררה'ס ווערטער וועלען ניט געהן לבטלה... עס וועט איהם שוין ניט לאזען רוהען, ער וועט שוין ביי זיין

לעבען קיין מנוחה ניט האָבען... דער דיין ר' בערל איז אויך געבליבען זיצען פאַרטראַכט, ערנסט, זיין מח דענקט איצט, ווי א פּרוכת וואלט זיך פאַר איהם געעפענט, און דערזעהן א נייע ליכטיגקייט, נייע „דרכים" האָבען זיך אנטדעקט אין זיין נשמה, ער האָט דערזעהן ווי א פאַרבלאָנזשעטע נשמה בענקט צוריק צו איהר שורש... און אַלעם דורכ'ן כח פון שמחה, א געטליך הייליג פייערל פון אור שבעת הימים האָט זיך אָנגעצונדען אין א זעהר חושך'דיג ווינקעלע... טראַכטענדיג זאגט ער ארויס פון מויל די אָבגעהאַקטע ווערטער „שררה, שררה". דאַן זאגט ר' מאיר'ל צו איהם: זעהט איהר, דיין ר' בערל, איהר זאָלט וויסען, אז אויב דאָס לעבען איז א „קיצור שלחן ערוך", איז דאָס שטאַרבען א „חיי אדם". א איד אַ חסיד דאַרף זעהן, אז ניט בלויז דאָס לעבען זאָל ניט זיין א מין „ברכה לבטלה", נאָר אויך דאס שטאַרבען זאָל ניט זיין „לבטלה", דאָס „עבדות" פון א חסיד איז ניט בלויז, אז ער זאָל קענען זיצען רוהיג אין גן עדן... נאָר אויך אז ער זאָל קענען דורכגעהן אלע „שבעה מדורי גיהנום", און מיטנעהמען מיט דביקות והתחברות אלע „זינדיגע נשמות", וועלכע טרויערען אין „עצבות" און חושך מצרים פינסטערניש, און זיי דערהויבען צום מקור פון אייביגע ליכטיגקייט און עולם השמחה ואור הגנוז, צום חלק אלקי ממעל... ויום שכלו טוב... איך גלויב — זאגט ר' מאיר'ל גבאי — אז פון היינט אָן וועט איהר שוין ניט זיין קיין מקטרג אויף חסידים, איהר וועט פאַרשטעהן דעם טעם פון שמחה של מצוה, און איך האָף, דאָס איהר וועט אלע מאָל קומען צו אונז, און אויף דעם פורים וועט איהר זיין ביי אונז חסידים דער „פורים־רב"...

די חסידים האָבען זיך צולאַכט. ר' בערל דיין האָט אויך א וואַרימען ליב־ליכען שמייכעל געטון, זיין פנים איז רויטער און ליכטיגער געוואָרען. ער האָט זיך פריינדליך געזעגנט מיט ר' מאיר'לן און מיט די חסידים, און געוואונשען מען זאָל זיך טרעפען אויף שמחות. מיט פרייד און געזאַנג האָבען איהם די חסידים באַגלייט, און געשמועסט ווי גוט עס איז צו שטאַרבען בשמחה ווי א איד א חסיד...

יצחק'ל קונדאס שרייט אוים בגילופין'דיג, חסידים זייט בשמחה, נעהמט א כוסא, אויב מען האָט אָדם הראשון ארויסגעטריבען פון גן עדן ווען ער האט געגעסען פון עץ־הדעת, קען מען דורך אהבת רעים צוריק אַריין אין גן עדן. א שמחה של מצוה איז די פירות פון עץ־החיים דורך דעם קומט צו דער אייביגער חיונה... די אונשטערבליכקייט.

יצחק'ל שרייט צו חיים בער'ן: אלץ האסטו דערצעהלט, נאָר דעם עיקר האסטו פאַרגעסען. עס פּאַסט גאָר נישט פאַר דיר צו האָבען שכחה. דו געדענקסט ווען דו ביזט געקומען זאָגען, אז דער חברה קדישא גבאי, דער רויטער דניאל, ווען ער איז ארוים פון שמואל'ן בבושת פנים, ווי אבגעשמיסע־

נער, האט ער צוזאמענגערופען א גרויסע אסיפה, אז היות, אזוי ווי ר׳ שמואל חסיד האט חוזק געמאכט פון דער חברה קדישא, וואס בכל תפוצות ישראל האט נאך קיינער נישט געהאט ,די העזה פוגע צו זיין אין כבוד פון א חברה קדישא און גבאי — איך מיין נישט חס ושלום מיין כבוד, נאר דעם כבוד פון דער חברה — און צו זיין אזא מורד אין דער לעצטער מינוט פאר׳ן טויט נישט צו וועלען תשובה טון, על כן איז מיין עצה, און דער פסק דין איז: נישט צו געבען די קהל׳שע מטה צום טראגען, און נישט צו געבען קיין ארץ ישראל ערד, און איהם לייגען נעבען פלויט, נעבען אלע מורדים געגען קהל, למען ישמעו ויראו, נישט צו זיין קיין חכם, צו וויסען אז מען ברויכט צו האבען דרך ארץ פאר א חברה קדישא.

ר׳ שמואל איז אזוי געלעגען אויפ׳ן בעט און שמייכלענדיג געהארכט וואס ר׳ חיים בער דערצעהלט, איך יצחק׳ל האב פארשטאנען וואס דאס שמייכלען באדייטעט, אז ר׳ שמואל וועט ווייזען וואס א חסיד קען, ווארום אויב א איד פארשטעהט, אז מיט׳ן לעבען ברויכט מען עפעס אויפטון, און ווייזען א דרך, ברויכט א חסיד צו זעהען אז אויך דאס שטארבען זאל נישט זיין לבטלה... דאס שטארבען זאל זיין א מין השקפה, וועלט־אנשויאונג. דער וועלטס שעפונג באגריף פון „בונה עולמות ומחרובן...” וועלטען ווערען חרוב און אויפגעבויט, באנייט... די טיפע סודות׳דיגע נצחיות אייביגקייט פון וועלטס שעפונג און „אין סוף” אונענדליכקייט... איך האב געפיהלט אז ר׳ שמואל וועט די חברה קדישא איבערלאזען אזא ירושה, אז זיי וועלען שוין פארזאגען לדור דורות, אז קענען וועמען זיי זענען קדושים אבער חסידים זענען גבורים, וועלכע זענען שטארקער פון אלץ. און ר׳ שמואל שאקלענדיג מיט׳ן קאפ און מיט א שטרענגען בליק האט ער געזאגט:

חברה! איך זאג אייך בצואה און בין אויף אייך גוזר, אז מען זאל מיך נישט טראגען אויף דער קהל׳שע מטה, נאר אויף פראסטע ברעטער און נישט צו שיטען קיין ארץ ישראל ערד צו קאפענס, און לייגען נעבען פלויט. און דערביי געגעבען צו פארשטעהן, אז איידער צו ליגען שכנות מיט א איציק פראפינאטער וכדומה א בעל תשובה... איז גלייכער צו זיין שכנות מיט א גדלי קאזאק דער טויבען כאפער, ווארום ווי זאגען חסידים אז מקום שבעלי תשובה עומדים... וואו א בעל תשובה שטעהט קען קיין חסיד נישט זיין.

וואס זאל איך אייך זאגען ענדיגט יצחק׳ל, אז דער רויטער דניאל מיט דער חברה קדישא האבען נאך אזא פאטש אין פנים נישט געקראגען. זיי וואלטען שוין אויך אלס מוחל געווען אבי ר׳ שמואל זאל זיין צואה צוריק נעהמען, זיי וואלטען שוין געמאכט די לויה בכבוד גדול. נאר פארפאלען, מצוה לקיים דברי המת, מען מוז מקיים זיין וואס ר׳ שמואל האט באפוילען, און איך יצחק׳ל האב ארויסגענומען ביי קהל די פסח׳דיגע ברעטער וואס מען וועלגערט

די מצות און אויף די ברעטער האט מען ר׳ שמואל׳ן געטראגען, קהל האט שוין מורא געהאט צו שרייען. ביי אונז איז געווען ששון ושמחה, די חברה קדישא זענען געווען טאקע אבל וחפוי ראש. מיר האבען דאן פארשטאנען דעם רעיון פון גדולים... במיתתם יותר מבחייהם, אז א חסיד ברויכט צו זעהען אז מיט׳ן טויט זאל ער ברענגען א קרבן, א באשאפונג פון א גבורה־טהאט, א מין מסירת נפש פאר קידוש השם, צו ברעכען דעם פחד און עצבות, און די נשמה זאל ווערען א עמוד האש צו די שערים פון אהבה, שמחה, עולם הבא... און א גן עדן עולם הבא תענוג אין לעבען עולם הזה...

טרויער און טרייסט

תשעה באב ביי דעם זיידען ר׳ משה חסיד

א גאנצען ערב תשעה באב האב איך געהאט די „הכנה״ צום תשעה באב, צוועלף ביי טאג, אזוי ווי איך בין באפרייט געווארען פון חדר, בין איך מיט א גאנצע חברה יונגווארג געגאנגען צום בית הקברות, רייסען שטעכעדיגע „בערעלאך״, צי ווארפען ביי נאכט נאך די קינות, דאס איז געווען „בהסכמת״ מיין זיידען ר׳ משה, ער פלעגט זאגען צו מיר הלצה׳דיג, זאלסט נאר ניט „מכבד״ זיין מיין „בארד״ מיט אלע בערעלאך, זאלסט האבען אין דיר „יושר״ און טיילען מיט דעם „כיבוד״ אלע.... נאך אזא „הקדמה״ האב איך זיך געפיהלט פריי, הפקר, בן חורין, איבער תשעה באב—אז שוין פון ראש חודש האט אפילו דער בייזער מלמד ר׳ יחיאל אוועקגעלעגט דעם „קאנטשיק״, ער ווייסט אז די ניין טעג טאר מען נישט שלאגען..—האב איך געפיהלט אמת׳דיג בן חורין, און מיך „מכין״ געווען, וואס מעהר „הנאה״ צו האבען, פון דער פרייהייט.. פארנאכט צו, ווען די זון האט אנגעהויבען אונטערצוגעהן, בין איך צוריק געקומען מיט׳ן גאנצען „צידה לדרך״, דעם באגאזש „שטעכענדיגע בערעלאך,״ און האב שוין געטראפען דעם זיידען ר׳ משה׳ן שטעהען פאר׳מוחט, טראכטענדיג, איין האנד אין דער ברייטער גארטעל פארשטעקט, און די צווייטע, דעם ברייט פארקנייטשטען שטערן אונטערגעהאלטען אנגעלעהנט, האלב איינגעבויגען ביי דעם מעריב פענסטער, און האט ערנסט באטראכט דעם מעריב הימעל, ווי די זון געהט עניוות׳דיג, בלאס, האלב מבויש׳דיג, האלב-ברוגז׳דיג, אין איהר נאכט־היכל, אונטער די נאכט שאטענס, וואס פארשפרייטען זיך ווי שווארצע פליגעל, מיט רויט־זוניגע פייער-פאסען, ווי צייכען פון בלוט,—א פנים,—אז זי געהט אריין אין „מסתרים״, אין מעמקים... דעם „איכה״ און „תיקון חצות״ זאגען, דער זיידע איז זיך געשטאנען אזוי רוהיג שטיל, נאר די גוטמוטיגע ווייכע שווארצע סאמעטענע אויגען, האבען זיך אומרוהיג באוואויגען, ווי איינער רעכענט זעהר א שווערען „חשבון״... וואס א מאל, איז זיין „צורה״ ערענסטער און פחד׳יגער געווארען, טיילווייז האט ער זיך באוועגט, אט דא שטעהט ער איינגעבויגען און שאקעלט מיט׳ן קאפ גלייך, ווי איינער שטעהט, פארשטימט, ביי א איבערגעבליבענע וואנט, נאך א שרפה, און באטראכט, וואס פון זיין גאנץ „עשירות״ איז געווארען א תל, א בארג אש... אט דא גלייכט ער אוים זיין גוף, זיין צורה ווערט עפעס העלער, פרייער, מיט האפנונג, שטאלץ

—אויך ברומט ער אונטער אזעלכע „תניעות" און „טענער", ענליך צו א קול פון א יונג טייבעלע, וואס בלאנדזשעט, ווייט, ווייט, פון דער מוטער'ס נעסט... וואס וועקט רחמנות, צערטליכקייט, בענקשאפט... ריינע הייליגע אהבה, און א טרייסט „בשורה", צו געפינען די מוטער און די נעסט... ער איז געוועזען אזוי פארטראכט, אזוי „דביקות'דיג"... אז ער האט גאר ניט געהערט דאס איך בין ארייגעקומען. דאס האט מיך אביסעל מרה שחורה'דיג געמאכט, עס האט מיך דערמאהנט אז עס איז תשעה באב.

אט געהט פארביי דעם פענצטער חיים דער שוהל־שמש איינגעהילט אין אן אלטן ברייטען וואכעדיגען כאלאט, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון לאטעס און לעכער, מיט האלבע אויסגעריסענע ארבעל. דאס מלבוש, ווייזט אויס, איז ספעציעל לכבוד תשעה באב, אין שווארצע פארצערעוועטע זאקען, דאס פנים האלב פארריסט, חשך'דיג, צארנדיג, זויער, לאנג, גרינליך, ווי א זויערע אוגערקע. די גרויע לאנגע פארקאלטענע בארד און פאות, וואס זענען גרייט מקבל באהבה צו זיין די „שטעכעדיגע בערעלעך", א שלים־מזל'דיגע עצבות'דיגקייט איז אויף זיין „אידענע־פנים" אויסגעגאסען... מיט די פארגלעזערטע האלב פארוויינטע אויגען קוקט ער אין אלע זייטען, ווי עס ציהען זיך פאמעלעך, טריט־ווייז, אידען און אידענעס, איינגעהילט אין עצבות און וואכעדיגקייט, ווי מען געהט צוריק פון א אלט פארצייטיש בית הקברות, עס הערשט א מרה שחורה'דיגע שטילקייט, וואס ווערט טיילווייז איבערגעריסען פון געשריי פון יונגווארג, וואס האבען שוין געמאכט א „התחלה," ווערמען מכבד צו זיין מיט די „שטעכעדיגע בערעלעך"... ער, דער שמש, באטראכט זיי, און פיהלט זיך גאווה'דיג. ער ווייסט, דאס ער איז דער היינטיגער „חתן־בחור", ער וועט אומווארפען אין בית המדרש די בענק, די טישען, אראבנעהמען דאס פרוכת פון ארון קודש, ער וועט זיין דער, וואס וועט מאכען די „איבערקעהרעניש" אין שוהל... מיט די מחשבות גיט ער א קוק אין פענסטער און זעהענדיג דעם זיידען ר' משה, איז איהם ניט געפעלען, וואס ער שטעהט אזוי, נישט תשעה באב'דיג, אזוי זאל א איד שטעהן ערב תשעה באב, קען זיין קליינקעפעלדיגע השגה ניט פארשטעהן, און מיט א תשעה־באב ניגון זאגט ער צום זיידען: ר' משה, ר' משה, איהר האט געוויס פארגעסען, אז עס איז איצט תשעה באב, מען דארף געהן צו קינות און קלאגען, וויינען... נאר איידער ער „פאקט" אויס זיין גאנץ פעקעל ידיעות און „תורה" וועגען דער מצוה פון טרויערען אין תשעה באב, שלאגט איהם דער זיידע איבער הלצה'דיג: חס ושלום! איך האב ניט פארגעסען אז עס איז תשעה באב, איך וויים, אז דעם זעלבען טאג וואס איז פסח איז תשעה באב, וועלכער איד פארגעסט דען, אז עס געהט דער „מועד" תשעה באב, דער טאג, וואס עס ווערט געבוירען משיח... דער טאג פון וועלכען מיר חסידים ציהען חיונה, טרייסט, אויף א גאנץ יאהר... ר' חיים איך זאג אייך, אז מיט עצבות מאכט מען מעהר חורבן, מען קען חרוב מאכען

דאס וואס איז נאך געבליבען, מען קען חרוב מאכען דאס פייערדיגע בית המקדש, וואס איז דא אין יעדען אידישען הארץ, און פארטרייבען די שכינה אין אמת'ן גלות... שמחה, פרעהליכקייט, איז דער טרייסט פון דער שכינה, אין נשמה'דיגער שמחה, ווערט ענטדעקט דאס הייליגע געטליכע פייער פון „מזבח", וואס איז נגנז, באהאלטען געווארען ביים חורבן. הויכע טיפע חסידישע השגות און רעיונות זענען ווי קרבנות, קדשי קדשים. חסידישע ווערטלעך, שיחות חולין זענען ווי קדשים כלים... אונזער „רוחניות'דיגע בית המקדש" איז ניט פארברענט געווארען.

ר' חיים איז געבליבען שטעהן ווי א „אבגעצוואגענער"... זיין גוף איז געווארען נאך מעהר קורץ און קליין, אין דעם ברייטען גרויסען כאלאט, און פאר גרוים בושה איז ער געשווינד נעלם געווארען. דער זיידע איז איצט געווען בארוהיגט. שמייכלענדיג האט ער מיך דערזעהן, און געזאגט הלצה'דיג: דו ביזט נאך דא, חיים דער שמש איז שוין נעגאנגען, און דו ביזט נאך אין שטוב, ווער ווייסט צי דו וועסט זיין פון די „עשרה ראשונים", וואס וועלען מכבד זיין דעם גבאי מיט דעם שמש מיט די בערעלעך. דערהערענדיג די ווערטער, בין איך תוך כדי דיבור אוועק אין בית המדרש מיט די קינות אין איין האנד און די פאק בערעלעך אין דער צווייטער.

ווען איך בין שפעט ביינאכט צוריקגעקומען, האב איך שוין געטראפען דעם זיידען זיצען אין זיין יחידים שטיבעל, מיט א ליעבליכע טרייסט שטימונג געזאגט אזעלכע אבגעהאקטע ווערטער און טענער, אז איך האב ניט געקענט פארשטעהן וואס ער זאגט, אט זאגט ער מיט א הערציליכען בענקענדיגען, רחמנות'דיגען מוטער ניגון „איכה ישבה בדד", און אט געהט ער איבער צו א פרעהליכען ליעבליכען פריהלינג קלאנג, וואס איז עהנליך צו דעם „הגדה" ניגון פון פסח און זאגט „כשושנה בין החוחים, ווי א רויז צווישען דערנער, כן רעיתי בין הבנות, איז מיין פריינדין צווישען אלע טעכטער"... ביי די ווערטער האט זיין פנים אזוי געלויכטען, מיט אזוי פיל געטליכען חן באצירט, מיט אזוי פיעל ליעבליכע קנייטשען, וואס האבען געלויכטען ווי שטראהלען פון האפנונג, נחמה, טרייסט, ער איז געווען ווי א „מטרניתא" וואס איז באצירט אין איהר אלטמאדישען ירושה ציהרונג, וואס גיט איהר צו א ערנסט יוגענדליכקייט, און באשטעטיגט דאס רעכט אויף א לאנג לעבען און עס הערט זיך די נחמה תפילה „השיבינו ה' ונשובה, חדש ימינו כקדם..." אויף דעם טיש האט זיך געברענט א ליכט, וואס האט געווארפען שוואכע ליכטיגע שטראהלען אויף דער גאנצער שטוב און האט אנגעזאגט שטילקייט, ניט צו שטערען די סודות'דיגע נאכט בענקשאפט. פון אחדות'דיגע אהבה, פון „יחוד קדשא בריך ושכנתוה", פון איבערגאנג פון טרויער צו טרייסט... פון די קנות־איכה ישבה בדד—בכה תבכה בלילה ביז די שבעה דנחמתא נביאישע נחמה, דער יום שכלו שבת—שבת נחמו, נחמו עמי — והיה לעת ערב יהיה אור...

אלול! — שלוש סעודות און מלוה מלכה ביי חסידים

צוואנציג יאהר איז חיים בער דאמאלט אלט געווען, דעם זומער ווען ער האט חתונה געהאט. נאך לאנג, בחור'ווייז האט ער משתוקק (געגלוסט) געווען צו זיין ביים רבי'ן בבחינת יונגערמאן. דעם גאנצען זומער האט ער שוין געמאכט הכנות צו דער נסיעה. פארנאכט בין השמשות, ווען ר' מאיר'ל, דער גבאי פון שטיבעל, איז נאך'ן שלאף, מיט'ן לולקע־ציבעק און שלאף־ראק, געגאנגען שפאצירען צום וואלד, איז חיים בער מיט איהם מיטגעגאנגען. דעם גאנצען וועג האט ר' מאיר'ל געקוקט אויף די פילפארביגע פעלדער מיט די פארשידענע מינים זאנגען און גרעזעלעך, אין וועלכע עס ענטדעקט זיך די גדלות פון דער בריאה, די וועלט־שאפונג, און די שעהנקייט פון דער אונענדליכע רוה און ליבע. ער האט זיך געקוויקט מיט דער טל־ריח, וואס טראגען די צפון ווינטעלעך. ער האט זיך געקוויקט מיט דער ליבלכיער ווארימקייט פון די לעצטע מערב־שטראהלען. דאמאלט האט ער געפילט א חוב אין דער טיפעניש, ממעמקים, פון זיין נשמה, צו זאגען מה נאה ניר זה... ווי שעהן איז דאס פעלד! הדר נאה זיו העולם, נפשי חולת אהבתך... שעהן און הערליך איז די וועלט איהר גלאנץ, מיין נשמה איז קרענקליך פארליבט... דאס פילען די יצירה שאפונגס שעהנקייט מיט א טיפע בענקשאפט און שמערץ צו דער נאטור — אהבה, האט אין זיין מוח און הארץ א טיפע הויכע תפילה נעפלאכטען, און האט מיט א ריין נאאיוו תמימות'דיג קינדיש בענקען, צוזאמענגעגאסען מיט א מיושב'דיגע חכמה, זעהר בא'חנ'ט, אויסגערופען: „אל נא רפא נא לה בהראות לה נועם זיווך" דערבארעמדיגער באשעפער, הייל איהר, באווייזענדיג די פראכט זיסע שעהנקייט פון דיין הערליכקייט, זאל די נשמה זיין געשטארקט און געניסען די אייביגע שמחה...

די הערליכע ווערטער האבען דערהויבען און דערוועקט אין איהם א הייליגע, ליבליכע בענקשאפט נאך געטליכע צניעות'דיגע אינערליכע שעהנקייט, זיין הארץ האט געגלוסט צו פילען די סודות'דיגע אהבה און שמחה, און וואס טונקעלער עס איז געווארען, אין די זונען שקיעה מאמענטען, וואס נענטער זיי זענען צום גרייז־גרויען וואלד געקומען, אלץ מעהר האט זיך געשטארקט דער „צמאון", דער גייסטיגער דורשט, די בענקשאפט נאך שעהנקייט, דער וואלד מיט די הויכע דיקע דעמבעס מיט די ווייט פארשפרייטע צווייגען, ווי גבורים באוואפענט, א גבורה פון לעבען און שטאלץ, נעבען זיי די דינערע הוי־

כע סאָסנעס, מיט זייער אַריסטאָקראַטישען אויסזעהן, ווי די מטרנותא, די בת מלכה מיט איהר יחסנ'יש־ירושה'דיגער ציהרונג...

און וואָס טיפֿער זיי זענען אין וואַלד אַריין, אַלץ מעהר האָט זיך געשפּירט די חסד'יגע, צערטליכע געגאָה, דער גרויסער נאַכט־סוד, די התחברות, באַהעפֿטונג, פֿון מיסטעריע מיט אונענדליכקייט, שעהנקייט און פֿילאָזאָפֿישע דענקען, הייליגקייט און רוה, שאַפֿונג און ענטוויקלונג, יחוד קדשא בריך הוא ושכנתיה... די אייביגקייט פֿאַרוויקעלט אין אַ פֿאַרבאָרגענע ליכט, „שכל הנעלם מכל רעיון"... חיים בער האָט דאַן פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס אַלע שירים זענען הייליג און שיר השירים איז קודש קדשים, וואוהין עס האָט נאָר געקענט אַריינגעהן דער כהן גדול איין מאָל אין יאָהר. אָבער אין די „היכלות" פֿון שיר השירים, געניסען די הערליכע געטליכע יצירה שעהנקייט, קען יעדער, וואָס איז באַשאָנקען מיט'ן שטראַהל פֿון כתר עליון, מלכות'דיגע גלאַנץ און פּראַכט אַריינגעהן דורך שמחה און אהבה.

אין אַ האַרציגער השתפכות הנפֿש, מיט אַ התלהבות'דיגע התעוררות פֿון חשמל־פֿייער, האָבען מאיר'ל גבאי און חיים בער אָבגעריכט אַ שמחה נשמה־דיגע תיקון חצות, און די שירה האָט זיך צונויפֿגעגאָסען מיט דער תפילה „תאיר ארץ מכבודך... מהר, כי בא מועד", זאָל די וועלט באַלויכטען ווערען מיט דיין כבוד, אוי, עס איז שוין צייט...

אַזוי האָבען זיי שפּאַצירט ביז עס האָט זיך באַוויזען דער ערשטער שטראַהל אויפֿ'ן מזרח. מענשליכע תפילות, גשמיות'דיגע פּרנסה'דיגע בקשות, מיט טרערען און קרעכצען האָבען אָנגעפֿילט די לופֿט... און מחלל געווען די פּרק־שירה'דיגע מוזיק...

אונבאַמערקט זענען זיי צוריק אין שטעדטעל געוועזן.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען אַ גאַנצען זומער. דאָס שפּאַצירען האָט חיים בער'ן פֿאַר אַן אמת'ן חסיד געמאַכט. ער האָט געקראָגען אַ גרויסען רצון צו האָבען התחברות מיט חסידים, מאַכען אַ נסיעה צום רבי'ן. דאָס איז געוועזן שבת ראש חודש אלול. חיים בער האָט געפֿילט, אַז די נשמה יתירה וואָס ער באַקומט דעם שבת, וועט זיך שוין ניט פֿון איהם אָבטון, עס קומען הייליגע טעג, ימים נוראים, פֿון הייליגע אַרבייט און רוה, תפארת מנוחה וקדושה, נשמה שעהנקייט, פֿרעהליכקייט פֿון שירה ותפילה, בשמחה.

דעם שבת צו שלוש סעודות, ווען די טונקעלקייט פֿון די חסידישע שטיבעל־ווענט האָבען אין זיך, ווי אַן אינערליכען סוד, באַהאַלטען אַ קבלה סוד, און וואָס טונקעלער עס איז געוואָרען, אַלץ מעהר האָט זיך געפֿילט די בענקשאַפֿט נאָך ליכטיגקייט פֿון אור שבעת הימים, מעהר האָט מען באַגריפֿען דעם זינען פֿון „ישת חשך סתרו," און צניעות'דיג, שטיל פֿון טיפֿעניש, ווי ריין וואַסער, „מים טהורים", פֿון אַ שטילען קוואַל, מתיקות'דיג מיט אַ התלהבות'דיגע דביקות, האָבען די שטיבעל יונגע לייט געזונגען דעם רבינ'ס

ניגון „בני היכלא דכסיפין", דאס בענקשאפט איז דערגאנגען עד כלות הנפש, די חושים, געדאנקען און דער שכל זענען געווארען העכער פון דעם גוף פון בשר ודם השגה'דיגע באגריפען, און דורך די „טויערען" שערים פון בינה אריין אין העכסטען היכל פון קדושה'דיגע שמחה דבי מלכא בגילופין...

דאן איז חיים בער פשוט ארוים פון די „כלים," און בגילופינ'דיג א געשריי געגעבען: זאגט נאר, חסידים, איך, חיים בער, הקטן שבחבורה, דער קלענסטער פון דער חברה, בין אויף אייך גוזר, אז נאך הבדלה זאל קיינער ניט אהיים געהן, נישט גורם זיין א פירוד הנשמה, א חילול הקודש. מיר האבען מיט אונזער תשוקה דערגרייכט צו דערזעהן א שטיקעל „אור" פון „לפני ולפנים"; מיט אונזער זמר'ל שירה האבען מיר געהערט דעם רעש פון כסא הכבוד... מיר האבען משיג געווען א פתרון צו דער גרויסער וועלט רעטעניש, צו דער חידה פון לעבען... האב איך מורא, אז געהענדיג אהיים און מאכען די וואכעדיגע חשבונות פון „זרענו וכספנו ירבה כחול" זאל אונז ניט פון די מדרגות און השגות אראבווארפען, און מיר זאלען ניט פוגם זיין, חס ושלום, עפעס, ניט זיין א „קוצץ בנטיעות," אדער א מחשבה זרה אין זינען האבען, מען קען נאך ווערען א „מכנים צלם ההיכל," א פסול אין די פייער־דיגע אותיות — על כן איז מיין עצה, אז מיר זאלען דא פראווען א מלוה-מלכה, דער הבדלה־פלאקער זאל ניט פארלאשען ווערען, און מיט דער „המשכה" גלייך צום רבי'ן.

חיים בער'ס עצה, וועלכע איז ארויסגעזאגט געווארען מעימקא דליבא, פון טיפעניש פון הארץ, איז די חסידים שטארק געפעלען. נאר יוסיל פשטן, ווי זיין שטייגער איז געווען שטענדיג מיט זיינע שאלות און ספיקות, פיל מאל האט ער די יונגע לייט מיט זיין מתנגדישען קאלטען ניגון שיעור ווי פון די „מדרגות" אראבגעווארפען און שיעור אין א שטיקעל עצבות אריינגע־בראכט, חסידים פלעגען אויף איהם זאגען, אז עס לעבט נאך אין איהם אן אדער פון א מתנגד, זיין פאטער איז געווען א שטארקער מקטרג אויף חסידים — יוסיל פשטן האט שיעור דא דעם גאנצען ענין נישט קאליע געמאכט, מיט זיין שאלה „וואו וועט מען נעהמען א מלוה מלכה", מיר זענען דאך שבת'דיג, וואו וועט מען נעהמען אויף הוצאות צום רבי'ן? נאר חיים בער שטעלט איהם אב און שרייט אוים: „געה שוין געה, דו מתנגד'ישע נשמה, מיט דיינע נארישע שאלות. וואס הייסט וואו מען וועט נעהמען? ביי חסידים איז דאס גאר קיין שאלה ניט, ווייסטו, פשטן, דען ניט, אז דער רצון פון חסידים קען זיין בונה עולמות ומחריב, שאפען און חרוב מאכען וועלטען... מען דארף נאר וועלען און דער רצון מאכט שוין א „יש מאין", עס איז שוין אלעס דא, דו וועסט באלד זעהן, אז מיר וועלען אלעס האבען, און מיט גרוים פרעהליכ־קייט און עכטע חסידישע שמחה וועלען מיר פראווען די מלוה מלכה, עס וועט זיין ליהודים'דיג. און ביי די ווערטער האט מען געענדיגט די שלוש סעודות

מיט'ן חסידישען זמר „אל מסתתר שכל הנעלם מכל רעיון". מען האט גע־בענשט, און חיים בער דערצעהלענדיג זכרונות, ווענדעט זיך צו יוסיל פשטן:

גערענק נאר דו פשט'ן, ווען משה אליעזר מלמד איז שלאף געווען, און דער רופא האט פארשריבען, מען זאל איהם געבען אלע טאג פרישע יוך פון בשר־עוף, וועט ער געזונד ווערען און וועט ווייטער קענען זיין מלמד, דאכט זיך אז דו יוסיל געדענקסט גוט די מעשה, די חסידים האבען שוין געהאט גענוג געטון, יעדער האט שוין געהאט געגעבען מעהר ווי זיין כח איז, און עס איז נישט געווען קיין אנדערע ברירה, נאר אלע נאכט חצות־צייט ווען דיין טאטע משה כהן איז געזעסען ביי דער טיר, געזאגט חצות, געוויינט אויף דעם, וואס עס איז נישטא קיין בית־המקדש, עס איז בטל דאס מזבח, קרבנות, חזה ושוק, תרומה, מעשר, (דערביי האט ער געמיינט א שטאך צו געבען יוסיל פשט'ן) אין דער זעלבער צייט האבען עטליכע יונגע לייט געברענגט עופות, פון וואנען עס האט זיך נאר געלאזט, אמאל פון איצעק פראפינאטער'ס קאמער, אמאל פון זלמן מילכיגער'ס בוידעם, אדער גלאט עפעס פון א בוידעם, עס איז געווען א געשריי, א געוואלד אין שטעדטעל אז ציגיינער גנב'ענען היהנער נאר געה שריי צום „ונתנה תוקף" מען האט אזוי קינסטליך געארבייט, אז בערעלע גנב מעג זיך קומען צו זיי לערנען, און אזוי במשך עטליכע וואכען האט מען אלע טאג געגעבען משה אליעזר'ן פרישע עופות־יוך, און ער איז געזונד געווארען און דערביי איז חיים בער אזוי נתפעל געווארען און א געשריי געגעבען צו די שטיבעל־בחורים.

בחורים! ווער וויל מיטגעהן מיט די יונגע לייט קיין קאצק? און ווער באמת האט דען נישט געוואלט? איז דען באמת געווען א בעסער פארגע־ניגען ווי מיטצומאכען מיט חסידים א נסיעה צום רבי'ן. און נאך דערצו מיט קאצקער חסידים, אסור אויב עס איז נאך פאראן אזא תענוג, א אמת'ער תענוג־רוחני, א גייסטיגער פארגעניגען, א טעם גן־עדן, בעסער ווי א ראשית־חכמה גן־עדן...

אלע בחורים „בדיבור אחד" מיט איין ווארט, נישט געקלערט האבען גע־ענטפערט: נעשה ונשמע, וואס דו חיים בער ביזט גוזר וועלען מיר מקיים זיין באמונה, און חיים בער, מיט א זיעכרען נצחון האט געזאגט: בחורים! מיר יונגע לייט ווילען היינט פראווען דא א סעודה מלוה מלכה פאר דער נסיעה, אז עס זאל זיין לעבעדיג, כדבעו, והשתיה כדת א מין לעצטע שבע־ברכות. מיר ווילען שוין נישט אהיים געהן, זאלט איהר זעהן, אז עס זאל זיין א מלוה מלכה מיט אלע דינים, און דאס איז אויף אייך מוטל, דאס איז דער נסיון, וואס מיר ווילען אייך פרובען, צו איהר זענט באמת חסידישע בחורים: ווארום צו הייסען דעם נאמען „חסיד" מוז מען אויך שווערע פארשידענע נסיונות דורכגעהן, אויב א מתנגד מוז קענען מפקיר זיין דעם עולם הזה מיט דעם גוף פאר דער נשמה מיט עולם הבא, און האבען מסירות נפש פאר א מצוה, מוז

אבער א חסיד קענען מפקיר זיין אויך דעם גן־עדן מיט עולם הבא און נשמה און האבען א מסירות נפש פאר א חסידישע עבירה... איידער צו זיין מיט מתנגדים אין גן־עדן איז גלייכער און בעסער מיט חסידים אין גהינם—פלעגט זאגען ר׳ מאיר׳ל גבאי, על כן געהט מיט דעם כח פון שמחה של מצוה... און לערנט אייך, וואס מען מיינט גדולה עבירה לשמה. אויב יוסיל פשט׳ן פאר־שטעהט, אז די וועלט שטעהט נאר אויף תורה, עבודה, גמילת־חסדים, זאג איך אייך, אז דאס איז פראסט גשמו׳דיג, דאס איז ווייל דער מענש איז נידריג, קליין, קטנות דמוחין, קליינע השגות. דער אמת איז, אז די וועלט האט א אחוזה, א קיום, דאס גאנצע לעבען ציהט אויף חיונה פון „עבירה לשמה״... וואס ווערט געטון מיט׳ן הייליגען התלהבות פון דער נשמה.

און דערביי האט חיים בער א וואונק געטון צו א יונגענמאן, יצחק׳ל קונדס, אז ער זאל אנפיהרען מיט דער גאנצער חברה. תוך כדי דיבור איז יצחק׳ל קונדס מיט דער גאנצער חברה בחורים ארוים אויפ׳ן שטעדטעל, און במשך א קורצע צייט האבען זיי געברענגט א מלוה מלכה פון כל טוב, כסעודת שלמה בשעתה...

חברה בחורים מיט יצחק׳ל קונדאס האבען דערצעהלט גאנצע מעשיות, אותות ומופתים ווי אזוי עס איז פארגעקומען די עבודה, דערביי גיט יצחק׳ל קונדאס צו פארשטעהן יוסיל פשט׳ן, אז ער גלויבט דאס עס איז באמת נישט גניבה, קיין עבירה, ווארום לה׳ הארץ ומלואה, צו גאט געהערט די גאנצע וועלט, איז דען די משקה איציק פראפינאטער׳ס? און אז ער מאכט שוין א שהכול איבער דעם בראנפען, איז וואס? איך גלויב, אז נאך איציק׳ס א שהכול קען נאך פון דער משקה ווערען וואסער, א מין מים אחרונים וואסער, אט ביי אונז חסידים וועט פון דער משקה מיט דעם בשר ווערען א מין יין המשומר, א שור הבור.

יצחק׳ל האט די גאנצע סעודה ארייגעשטעלט אין שענקעל פון ארון־קודש און מיט א דאפעלטע שמחה האבען זיך די חסידים ארום דעם שלחן געשטעלט און געשמועסט חידושי תורה. יצחק׳ל קונדאס האט געזאגט מילתא דבדיחתא, גלייכע ווערטלעך, שיחות חולין פון חסידים, און דער גרויסער ר׳ אהרן האט געזאגט הויכע ענינים, חסידישע תורות, ער האט געגעבען צו פארשטעהן דעם פסוק „ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו״, אז ווען חסידים זיצען אין א סעודה של מצוה, קומט מען צו דער מדרגה פון „גילוי שכינה״, אז ביים ארויסנעהמען דאס לעפעל מיט דעם „פייערפאן״ קטורת,״ האט אויך דער כהן געמוזט זיין געהייליגט און עס איז געווען א עבודה לפני ולפנים ביום כפור.

אזוי איז מען איבערגעגאנגען פון איין שמועס צום צווייטען, ממדריגה למדריגה ביז מען איז אריין אין עולם הניגון, אין א הערצליכער ליעבליך

ניגון׳דעל פון קול דממה דקה, האט זיך געהערט מיט אזעלכע אבגעהאקטע טענער און ווערטער, אז ליבא לפימא לא גליא, עפעס א אונענדליכע פרק שירה, וועלכעס איז גלייכצייטיג א אינערליכע הרגשה אין דביקות פון דער נשמה און די בריאה אין דער וועלטס־שעפונג.

דאס התלהבות איז געווארען אלץ פייערדיגער און העכער, ביז התפשטיות הגשמיות, מען האט א ריקודל ארום דעם שלחן געמאכט, מיט אזא תשוקה און אהבה ווי די הימלישע גלגלים און שרפים ארום דעם כסא הכבוד בבחינת „רצוי ושוב" ארום און ארום, אין א התחברות ווי א קשר של תפילין צוזאמען געבונדען, מאיר׳ל גבאי מיט די שטיבעל־בחורים, דער גרויסער ר׳ אהרן מיט יצחק׳ל קונדאס פעסט געארעמט, פארמאכט די אויגען, צושאקלענדיג מיט די קעפ און געהויבען קינדיש חנו׳דיג די פיס אויסדריקענדיג דאס שטרענגע, ערנסטע, הערליכע בליק פון דער גייסטיגקייט מיט א יוגענד ליעב־ליכען תענוג טאנץ.

דאן האט חיים בער געזאגט: תא חזי, זעהט, ווי גרויס עס איז דער כח פון א שמחה של מצוה, עס איז ממתיק די דינים, און מבטל די קליפה, יצחק׳ל גיט דערצו צו פארשטעהן יוסיל פשט׳ן, אז א חסיד ווען ער קומט אריין אין דביקות פון שמחה, דארף ער נישט מורא האבען נישט פאר א שוטר, נישט פאר׳ן ראש חודש אלול. עס האלט אפילו נישט אויס על פי דין אבער על פי חסידות איז עס אזוי, ווייסטו ווי אזוי אלול מאכט? אני לדודי ודודי לי, איך צו דיר און דו צו מיר... דאס איז די אמת׳דיגע כונה פון ראש חודש אלול, התחברות, אהבה׳דיג, מען זאל מקיים זיין ואהבת לרעך כמוך, די אהבת רעים ברויכט צו זיין אזוי ערליך און שטארק, מיט א אמת׳דיגע מסירות נפש, אז עס פארטרייבט די שרעק, דעם פחד און מורא.

דו געדענקסט ניט דאס יאהר פון דער פאווסטאניע, אין פורים, עס איז געווען א גזירה אז מען טאר נישט געהן שפעט ביי נאכט, איז על פי סיבה א יונגערמאן משלנו, געגאנגען און מען האט איהם ארייגעפיהרט אין קאזע, (טורמע). מיר חברה זענען טאקע פורים׳דיג, נאר מיר האבען געהאט עגמת נפש, אז דער יונגערמאן זאל זיין פורים ביי נאכט אין קאזע׳אליין, האט ר׳ שמואל חסיד געזאגט: חברה! אזוי ווי עס פעהלט א אות אין די תפילין זענען זיי פסול, אזוי איז, אז עס פעהלט איינער פון דער חברה, צו דער שמחה של מצוה. על כן האט ער געגעבען א עצה, אז אלע זאלען ארויסגעהן אין גאס, מען זאל אלע פארנעהמען אין קאזע; מען זאל מיטנעהמען די סעודת פורים און דארט וועט זיין א אמת׳ע ליל שמורים.

וואס זאל איך דיר דערצעהלען יוסיל, אז מי שלא ראה שמחה זאת, ווער עס האט נישט געזעהען די שמחה, וואס מיר האבען געהאט אין קאזע, האט קיין שמחה ביי זיין לעבען נישט געפיהלט, דער שומר האט געכאפט א כוסה און אז עשו נעהמט א כוסה וועט ער דעם טאטען מיט דער מאמען פארקויפען,

איז נישט געווען זיין דאגה. מיר האבען זיך געפיהלט פריי, מען האט גע־מאכט רקידום ביז דעם גרויסען טאג. ווען מיר זענען ארויסגעגאנגען, האבען מיר געפיהלט ווי מען טרייבט אונז פון גן־עדן ארויס.

אט דאס הייסט מסירות נפש פאר א גוטען ברודער! א חסיד ברויכט צו זיין דורכאוים מיט אהבה, נישט מיט מורא נישט פאר׳ן מלך עליון—נישט פאר׳ן מלך אביון,—נישט פאר׳ן גהינם, נישט פאר׳ן שאול תחתיות, נישט פאר א מצוה ,און נישט פאר א עבירה,—ווייל א חסיד טוט נישט קיין עבירה. אלעס איז עבודות השם, הערסט דו פשט׳ן! איך פרעה מיך וואס איך האב היינט א שטיקעל עבירה געטון, זאל זיין גנבות, אבי א מצוה הבאה בעבירה—ווארום א מצוה דורך א עבירה דאס הייסט א עבירה לשמה,— עס איז ווי א שעהנע פרי מיט א שעהנע שאל ארום... אמת׳דיג הידר מצוה, פארשטעהסט יוסיל, א חסידיש ענין, ווען מיט די עבירות זאל מען נישט קענען מיטמאכען א דרך צו עבודות און דביקות, וואלט עס קיין קיום געהאט. אין לעבען איז נישט פאראן קיין זאך לבטלה.—אלע תאוות און מידות רעות, זענען ווי הינטער־וועגען, געהיימע דרכים, סודות׳דיגע שפארעס, ארייננצוקוקען אין קעניגליכען חיכל, לפני ולפנים, פיל מאל, קען מען דורך א זייטיגע שפארע גיכער זעהען דאס פשוטע גלייכע התנהגות פון מלך אין זיין אינערליכען פאלאץ, במסתרים, משיג זיין זיין געשטאלט און צורה מעהר ווי ער געהט אין די קעניגליכע קרוין מלבושים.

חברה צום טיש און געוואשען צו דער מלוה מלכה! רופט אוים יצחק׳ל קונדאס. יצחק׳ל האט משמש געווען געגעבען יעדען א גלעזעלע י״ש און דערביי האט ער געגעבען צו פארשטעהן, אז אהן א ביסעל משקה, איז מען ווי עצמות היבשות,—א זעקעל דארע ביינער—נעהמט מען א ביסעל י״ש, קריגט מען זיך א רוח חיים, מען ווערט לעבעדיג, נכנס יין יצא סוד, דאן ענט־דעקט ער די געהיימנים פון דער אינערליכע נקודה. א מבין וועט פון מויל די פארבארגעניש פון הארצען, און די שטערן קנייטשען לייענען דאס דענקען פון מח,—הערען די שירה פון לעבען,—דעם ווידוי פון דער פארגאנגענהייט: — די סתירה פון עבר אין עתיד...

איך געדענק, איינמאל שפעט ביינאכט זענען מיר געזעסען ביי ר׳ שמואל חסיד. האט ער געזאגט א טיעף ענין אין דעם פסוק „והארץ היתה תהו ובוהו ורוח אלקים מרחפת...״ די ערד איז געווען וויסט און פוסט און גאט׳ס גייסט שוועבט.

עפענט דערווייל זיך די טיר און גדלי׳ה קאזאק דער טויבען־כאפער איז דא מיט א פעקעל וועש אונטערן ארים, שיכור ווי לוט, און מיט א פרעהליכען קלינגענדיגען קול שווערט ער ביי זיין מאמע, און זיינע ביינער זאלען אזוי קומען צו קבר ישראל ווי ער איז נישט קיין גנב, אדרבה פרעגט חוה די שטאדט

וועשין, צי האט איהר געפעהלט אמאל עפעס פון בוידעם? און צו ר' שמואל'ן זאגט ער:

איהר ר' שמואל ווייסט דאס איינמאל ביינאכט האט אייער וויב פארגעסען צו פארשליסען דעם בוידעם מיט וועש, בין איך א גאנצע נאכט געשטאנען אבגעהיט אז ציגיינער זאלען נישט אראבגנב'ענען.

איך גנב'ע נישט, נאר נעהם א מאל, ווייסט איין גאט, עס איז נאר ווייל איך האב אנ'אלטע קראנקע מאמע, אנ'אלמנה, וואס זאל איך טון? איך זאל ווארטען ביז קהל וועט איהר געבען! א יושר, — אמת — איך פרעג אייך, — אז איציק פראפינאטער, וואס מסר'ט אלע אידען פון שטעדטעל, טאמער פארקויפט ווער א ביסעל בראנפן, דער איציק זאל האבען אזוי פיעל, און מיין קראנקע מאמע וואס איז א אמת'דיגע צדיקת, זאל שטארבען פאר הונגער און קעלט.

אט דאס פעקעל וועש וואס איך טראג, מיינט איהר, אז איך נעהם עס מיר? איך זאל אזוי האבען הצלחה, די פרייהייט זאל מיר אזוי דיענען, ווי איך טראג עס אונטערוווארפען דער בלינדע — שרה'ס טאכטער, די יתומה, וואס האט די צווייטע וואך חתונה, דעם מתן בסתר האב איך מנדר געוועזען יענעם זונטאג ווען ירוחם שינדער'ס טאכטער האט זיך געוואלט שמד'ן. זי איז שוין געוועזען אין קלויסטער, בין איך אריין און מיט געוואלד זי אפגעראטעוועט, איהר צוגעזאגט, אז איך וועל זעהען, זי זאל חתונה האבען, די גאנצע וויפראווע מיט אלס, וועל איך מיט מיינע קאלעגעס ברענגען און טאנצען דאס מצוה טענצעל...

ביי די ווערטער האט ער ארויסגעצויגען פון קעשענע א פלעשעל און פרעהליך געזאגט: לחיים, לחיים חסידים, זארגט נישט פאר גדלי'ה'ן, גדלי'ה איז געוועזען א איד, לעבט ווי א איד, און וועט שטארבען א איד,—און וואקלענדיג זיך, די אויגען ווי צוויי שטיקער פייער רויט, איז ער נעלם געווארען.

מיר זענען געבליבען זיצען פארטראכט. מיר האבען געפיהלט דעם טיעפען רעיון פון דעם ענין. ר' שמואל חסיד האט ווי עפעס מיט אבגעהאקטע ווערטער געזאגט: חברה זעהט אז גדלי'ה האט אונז געגעבען א נאכשליסעל צו די שערים פון בינה... און דאס אינערליכע עוויגע בענקשאפט פון חשבון הנפש מיט מעשים טובים און די צורה פון אדם — העליון — ווערט נאר בתגלה דורך שמחה און אהבה ווען מען נעהמט א ביסעל משקה און דער מענש ווערט בגילופנדיג,—על כן שרייט אוים יצחק'ל קונדאס: לאמיר נישט פארשלאפען די נאכט, נעהמט א ביסעל משקה, און זאגט לחיים.

דער גרויסער ר' אהרן האט צום ערשטען געזאגט לחיים און געוואונשען. עס זאל נתגלה ווערען דער אור העליון, די הויכע ליכטיגקייט, עס זאל זיין ויאתיו כל לעבדיך, די גאנצע וועלט, די בריאה, זאל ווערען איינס, מיט איין רצון, אחדות הבורא והנברא, א פאלקאמע איינהייט, דאס התפרדות נעהמט

זיך פון שנאה און מחלוקת, און אז חסידים טרינקען משקה מיט א אמת׳דיגע אהבה און דריקען זיך ברודערליך די הענד, די צעהן פינגער, מאכט מען א התחברות פון דער בריאה פון די עשר ספירות, די צעהן העכרעע, גייסטיגע כוחות פון ענטוויקלונג און וועלט־שאפונג, וואס האט נאר א קיום דורך א סודות׳דיג אהבה.

יוסיל פשט׳ן זאגט לחיים טובים ולשלום.

חיים בער זאגט: יצחק עפעס דער בראנפען איז דאך זעהר שוואכער, איך האב מיר שיעור דעם האלז פארקיהלט טרינקענדיג, פון דעסטוועגען זאלען מיר עד מאה ועשרים שנה נישט האבען קיין ערגערע משקה.

יצחק׳ל אליין נעהמט אויך א ביסעל משקה, און זאגט לחיים, מיר זאלען זוכה זיין אקעגען טאנצען דעם מלך המשיח מיט א פלעשעל י״ש בשמחה. די חסידים האבען געזאגט אמן, אט דאס הייסט א ברכה פון א קונדאס!

דערביי האט זיך אנגעהויבען א טיעפען שמועס וועגען משיח און די גאולה, חיים בער זאגט אז די גאולה לעתיד איז נישט ווי די גאולת מצרים, וועלכעס איז נאר א גאולה פאר די אידען געוועזען די מצרים אין וואסער דער־טרינקען א שירה סוס ורוכבו רמה בים... א שירה פון פערד און וואגען, און געזעהן דאס העכערע געטהייט דעם גואל אין א פארם פון א מלחמה העלד איש מלחמה, און דערנאך אין א מדבר געפיהרט, און לוחות פון א שטיינעריגען בארג סיני געגעבען, עשרת הדברות מיט דינים, חוקים ומשפטים...

אזא פאלק האט געמוזט א עגל הזהב מאכען, אזעלכע שטיינעריגע לוחות האבען געמוזט צובראכען ווערען—די גאולה לעתיד אבער ברויכט צו זיין א גאולה פון דער גאנצער בריאה—א אחדות פון דער שכינה אין דער טבע, א שירה פון לעבען און שאפען, א שירה, וואס זאל זיך הערען אין אלע וועלטען, אין דער גאנצער טבע, א גאולה מיט א תורה ממעמקים, מעומקא דליבא, פון טיעפעניש פון הארץ, נישט פון קיין ד׳ אמות...

דער גרויסער ר׳ אהרן זאגט, אז התחברות פון חסידים בשמחה איז א ענין גאולה און דער אמת׳ער צדיק איז א ענין משיח.

אודאי—זאגט יצחק׳ל איז די השגה פון גלות, גאולה און משיח פון א איציק פראפינאטער, זלמן מילכיגער אדער זעליג מילנער, א גאנץ אנדערע ווי פון א חסיד, זיי וועלען זיין אין גלות ביז אין טויט אריין, זיי דארפען הערען בלאזען א שופר, אז עס זאל ציטערען יעדעס אבר, א משיח אויף א חמור, אייזעל טריט, א תחיית המתים פון קאלערען אונטער דער ערד, טרינקען יין המשומר, עסען שור בר און לויתן, וואס איז אנגעגרייט און איינגעזאלצען פון ששה ימי בראשית און צו קענען זיין א שוטר ווי איוואן דער שטאדט שוטר.

יעדער הויכער רעיון און דביקות ביים חסיד איז א ענין גאולה. ביי יעדען ניגונ׳דל הערט זיך שופר של משיח, יעדער רקיד׳ל זענען פעמיו של משיח,

די טריט פון גואל צדק, יעדער רגע עצבות איז א גלות השכינה. די תשוקה, די בענקשאפט, צו הויבע השגות זענען חבלי משיח—יסורים של אהבה, יעדער שמחה איז א שיר לעתיד לבוא, יעדער מינוט פון אהבה און שמחה איז א שטיק פון אחרית הימים...

אין אמת'ן איז גאר נישט זעליג מילכיגער אין גלות. פרעגט איהם בחרם מיט וואס ער און זיין גלייכען, זענען אין גלות. נישט קיין שלעכט גלות האבען זיי... אלע פויערען זענען ביי איהם כמעט אין קעשענע מיט חובות. דער שוטר האט פאר איהם מעהר דרך ארץ ווי פאר'ן גובערנאטאר. יעדער איד אין שטעדטעל איז כמעט כל הישר בעיניו יעשה, וואס ער וויל טהוט ער, האנ־דעלט מיט בראנפען, הפקר, בפרהסיא, נאך בסער ווי אין ארץ ישראל. דער שוטר אליין ברענגט נאך צו קונים. אין א חגא-טאג אדער יריד שטעהט דער שוטר ביי יחיאל קראצער און העלפט איהם לייזען טרפה'ענע בראנפען, מישט אליין צו וואסער און זאגט, האב נישט קיין מורא, יחיאל, אז איך שטעה מעג מען אלעם טהון...

וואו איז דא א פראווע, וואס דער נאטשאלניק זאל ארויסגעבען און מען זאל עס מקיים זיין? נעהמט למשל די גזירה צו קעהרען ארום די הייזער אדער שטעלען פאקען די קינדער. אלע זענען עס מקיים בדת וכדין מיט א אימה, טאקע ווי זיי וואלטען געווען אין גלות. די אידען לאכען זיך אבער אויס. דער נאטשאלניק מיט'ן דאקטאר פאהרען אוועק און די גזירה ווערט בטל, מען בטל'ט אויס אלע בייזע חלומות צו זייערע קעפ, מען הארכט די גזירה ווי המן דעם גרעגער.

צו פארשטעהט דען א זעליג מילכיגער, וואס מען מיינט שכינתא בגליתא, אז די הסתכלות העולמות זענען אין גלות נע־ונד?—פון געוואוהנהייט זאגט ער אלע טאג ותחזנה עינינו בשובך לציון—און איז יוצא. ער האט ליגען א ביסעל איזוב צו אבערייבערען א עין־הרע, א ביסעל ארץ ישראל־ערד צו לעגען נאכ'ן טויטען צו־קאפענס. זעליג וויסט, אז עס איז גוט צו שטארבען אין ארץ ישראל, מען איז מוחל אלע עבירות, אבער פרובט און זאגט איהם, אז משיח איז געקומען, וועט איהר זעהן, אז עס וועט גאר נישט זיין ביי איהם קיין גוטע בשורה, ווארום וואו וועט ער איבערלאזען זיין מילכיגס?

דו געדענקסט, יצחק'ל, אז איינמאל ערב זייער גרויסער חגא, האסטו פאר טאג אנגעקלאפט ביי איציק פראפינאטער און האסט אריינגעשריגען: הייבט אייך אויף ר' איציק! משיח איז דא, האסטו געהערט ווי פארשלאפענדיג האט ער צו דער פלונית'טע געשריגען: רבקה! א בראך איז צו אונזערע יאהרען, משיח איז געקומען! וואס וועט זיין מיט דער פראפינאציע און מיט אונזערע היימישע פויערים? פונקט ערב דער גרויסער חגא, ווען מען ריכט זיך אויף א גוטען יריד...

און ווי הבדלה פלאקער האט זיך פלוצלונג התלהבות'דיג, ווי געהיימע סטרונעס פון דוד המלך'ס פידעלע ארויסגעזונגען א פרעהליך זמר'ל „אתקינו סעודתא דדוד מלכא משיחא...

נאך דעם זמר'ל גיט חיים בער צו פארשטעהן, אז כידוע איז דא א ביינדעל וואס ווערט קיינמאל נישט פארפוילט. דאס ביינדעל האט חיות פון סעודת מלוה מלכה, איך זאג אייך, אז חסידים ברויכען זעהן דאס אלע ביינער זאלען לעבען, כל עצמות תאמרנה, קיין אבער טאר נישט פוילען, עצלות און עצבות דאס זענען דער מלאך המות פון דער נשמה, יוגענד קראפט, שטאלץ, גבורה, דאס אינערליכע בענקשאפט צו שעהנהייט—ליעבע, איז דורכגעפלאכ־טען מיט תפילה, שירה וזמרה תפארת שבמלכות, דאס איז די גייסטיגע, אונ־שטערבליכע, מאיעסטעטישע, קעניגליכע צורה פון דוד חי וקים...

יצחק'ל קונדאס שרייט צו יוסיל פשט'ן וואס איז די גאנצע צייט געזעסען ווי עפעס פארזארגט—משמעות, אז ער קלערט שטארק וועגען מארגענדיגען יום כיפור־קטן.

—הער נאר פשט'ן! גלויב מיר, אז איך הויב אויך אן צו קריגען עפעס א הרהור תשובה. איך זאג דיר בפירוש און שווער דיר בנאמנות, אז איך האב שטארק חשק צו טהון תשובה, דהיינו, נאכאמאל צו נעהמען די חברה קונדסים און מאכען אויף מארגען א סעודת ראש חדש, לכבוד ראש חדש אלול, עס געהען דאך עפעס טעג, וואס אפילו א פיש אין וואסער ציטערט. ווי געפעלט דיר יוסיל אזא הרהור תשובה?

חברה חסידים האבען זיך שטארק צולאכט, נאר יוסיל איז געבליבען זיצען ווי מבויש'דיג.

דער גרויסער ר' אהרן איז די גאנצע צייט געזעסען פארקלערט, דער ברייטער הויכגעקנייטשטער שטערען האט אין זיך אריינגענומען די געהיימ־ניספולע רמזים, חידות, פון די ניגונים, די קנייטשען האבען זיך שטארק באַ־וואויגען, קענטיג אז דער מח ארבייט אויס פון די מתיקות'דיגע, חנ'עווריגע ניגונים, הויכע רעיונות; די נשמה וועבט אויס שעהנע הימלישע תכלת'דיגע פרוכת'ן פאר דעם כסא כבוד, פון די הימעלפארביגע אויגען בליצען פונקען פון אש אוכלה אש, א געטליך פייערל פון נהר דינור. מיט די צארטע דארע פינגער גלעט ער די וויים־זילבערנע בארד, וואו יעדעס האר באצירט מיט א הימליש פאטריארכאלישען מזרח־חן, דעם צלם אלקים. — די טיעפע בלויע אויגען ווי נשמה־ליכט פינקלען צנעות'דיג צום הכל דמטרניתא, די ליפען האבען זיך שטיל באוואויגען.

דאס האט געווארפען א שטיקעל אימה, א יראת הכבוד, אויף די יונגע־לייט. זיי האבען אויף א קורצע צייט אין זייער שמועס א שטיקעל הפסקה געמאכט. א הייליגע ליעבליכע שטילקייט, ווי אין א פריהלינג, ווען עס באווייזט

זיך דער ערשטער מזרח־שטראהל און עס באוועגט אלץ, וואס איז מיט דעם מארגען־טל בארעקט, ווען אלץ איז פארהילט, רוהיג, מנוחה׳דיג אין ליעבע און פריעדען, ווי די בריאה איז געווען איידער דער שטורם און רעש האט די וועלט־זינד מגשמ׳דיג געמאכט...

יעדער פון די יונגע־לייט איז ווי אין א באזונדערען מדור אין היכל פון מסתרים אריין. ביסלעכווייז דערהערט זיך א קול, ווי פון א יונג טייבעלע, וואס בלאנזשעט ארום דער הויכער, ריינער נאטור און זוכט איהר נעסט, איהר בן זוג—לאנגזאם מתינות׳דיג ווערטער, יעדער ווארט קלינגט ווי ווען מען קייקעלט פערל אויף גאלדענע טאצען, באגלייט מיט התלהבות׳דיגע קולות וברקים, שטורמישען דבור. עס פיהלט זיך ווי יעדער ווארט איז א מפתח צו דער מעשה בראשית.

ער האט געגעבען צו פארשטעהן, אז כידוע איז דא צוויי דרכים, צוויי עבדות, משיג צו זיין דאס אלקית. איין דרך הייסט קרח הנורא, שרעקליכע אייז, געפרוירען, דאס איז דער מתנגדישער דרך, הארט ווי א שטיין, פול מיט דינים און חוקים, מצוות און עבירות, מלאכים, גוטע און שלעכטע, גן־עדן, גהינם, שכר ועונש, קאלטע שטיינערדיגע חקירה, קהלת, גשם, ווינטערדיג— אלץ איז געפרוירען אבגעטויט, הבל הבלים, א ברוגז׳דיגע התבודדות צו מענשען, שלי שלי ושלך שלך, מיין סידור מיין מחזור, מיין שטענדער, אלץ איז באגרעניצט בזמן במקום ובמספר, אין דער צייט, ארט, צאהל, תפילה בזמנה, בציבור, מזרח און מערב־וואנד, שמונה עשרה ברכות, דרייצעהן אני מאמינ׳ס, זעקס זכירות, א יום תהלים, א סדר מעמדות, שטעהט פאר גאט כעבדא קמיה מריה, ווי א קנעכט פאר א האר הכנעה׳דיג, איינגעבויגען, צוּבראכען, די תפילות מיט קרעמערישע השגות און כוונות, ווי א בעטלער אין א קיך, ווי א קרעמער צעהלט געלד און איציק פראפינאטער מעסט בראנפען...

דער צווייטער דרך הייסט אש מתלקחת, פלאמענדיג פייער, דאס איז דער חסידישער דרך, אונזער דרך, א דרך, וואס איז למעלה מהזמן, הויכער פון צייט, ארט און צאהל, זומערדיג, אהבה, טל, שיר־השירים, א איינהייט פון גאטהייט אין טבע—אלע מעשים און מחשבות זענען ווי א כתר עליון צום כסא הכבוד, דער כסא הכבוד האט פארשידענע געשטאלטען, מענש, אדלער, לייב, אלץ צוזאמען איז מעשה מרכבה, געטליכע חקירה, קיין באגרענצונג פון טאג און נאכט. די חסידישע תפילה איז „קרוב יום אשר הוא לא יום ולא לילה״.

זאל נאהענט קומען דער טאג, וואס איז נישט טאג און נישט נאכט, יעדער ארט איז א טייל פון טיעפען ממעקים, פון אונענדליכען וועלט רוים, יעדער צייט איז א שטיק עוויגקייט, יעדער רעיון און מחשבה איז א שטיק רוח הקודש, אלץ איז דער סוד, רעטעניש פון א אונאויפהערליכער השתלשלות, ענטוויקלונג, און אין־סוף ליכטיגקייט. א חסיד ברויכט צו וויסען אז ער שטעהט אויף א וואגשאל, וואס איין זייט צום כסא הכבוד און די צווייטע

צום שאול תחתות, צום טיעפסטען אבגרונד. יעדער ספק און שאלה איז אַ מין מיתת נשיקה און תחית המתים.

צו די השגות קומט מען דורך שער פון שמחה און אהבה, אַ חסיד זאָגט נישט די זעקס זכירות, ווייל ער פאַרגעסט נישט. ער וועט בעסער מתודה זיין און זאָגען: איך האָב געזינדיגט, איידער ענטפערען, איך האָב פאַרגעסען. וואָס ער זאָל נישט טון מוז זיין מיט דעת, חכמה, בינה. קיין אני מאמין, ווייל ער ברויכט נישט גלויבען, ער פיהלט און זעהט ווי די טבע געצירט אין אונענדליכע, אונשטערבליכע ענטוויקלונגס־שעהנהייט זאגט שירה צום בורא.

עס האט זיך אָנגעהויבען די הכנה צו דער אלול׳דיגע מלוה מלכה, און גלייכצייטיג די הכנה צו דער נסיעה אויף ימים נוראים צום רבי׳ן קיין קאָצק.

שמחה און הייליגטום — שמחת תורה ביי חסידים

אלע יום טוב, אלע יומא דפגרא, איז געווען ביי חסידים שמחה בגילופי־דיג. ווארום ווען חסידים קומען זיך צוזאמען איז א זמן שמחתנו, נעהמט מען א ביסעל י״ש, און מען שמועסט דערביי טיפע ענינים און רעיונות, און מען פארבייסט מיט א חסידיש דביקות׳דיג פרעהליכען ניגונ׳דעל, וואס ווערט פאר־וואנדעלט אין א התלהבות׳דיג רקידה׳לע. עס איז א שטיקעל שמחת בית השואבה, א שטראהל פון רוח הקודש, ווען שמחה און הייליגטום גיסען זיך צוזאמען מיט די ליכטיגע שטראהלען פון אור הגנוז...

אבער די העכסטע מדרגה פון שמחה איז געווען שמחת תורה, דער טאג האט פאראייניגט הייליגטום און שמחה וואס האט ארומגענומען פון די יונגע קינדער מיט זייערע שעהנע פיעלפארביגע פאהנען און הייליגע טראדיציע פסוקים: „דגל מחנה יהודה״, „ויהי בנסוע הארון״, „בילדלעך פון זיידעס, אייניקלעך,״, „געהען מיט הקפות״, באצירט מיט שעהנע רויטע עפעלעך, און ברייט פלאמיגע געפלאכטענע הבדלות; די שטיבעל־בחורים קונדסים מיט זייערע הלצה׳דיגע שמחת תורה פשט׳לעך און מילתא דבדיחתא, ביז די מיושב׳דיגע זקנים חסידים מיט זייער דביקות׳דיגע פארטיפונג אין די לעצטע מינוטען פון משה רבינו׳ס טויט, וואס מען לייענט אין שמחת תורה, וואס פאראייניגט דעם סוד פון דער אונשטערבליכקייט, אייביגקייט, מיט דער אהבת ישראל, דעם „וזאת הברכה״ מיט „וימת שם משה״ ביז „לעיני כל ישראל״ און בראשית...

דער זיידע ר׳ משה פלעגט זאגען, אז די שמחה פון שמחת תורה הויבט זיך אן פון ערשטען טאג פון ראש חודש אלול. ווען ער דערהערט דאס בלאזען פון שופר, דערמאהנט עס אין איהם זכרונות פון קבלת התורה און שמחת התורה, דאן פיהלט ער אין דער טיפעניש פון זיין נשמה צו זיין בשמחה. עבדו את ד׳ בשמחה, ניט קוקענדיג וואס די פעלדער זענען שוין פוסט און לעהר, די בלעטער פון די בוימער ווערען געל און דאר, און זעהען אויס ווי א אלטער בעל תשובה, די פויגלען האבען שוין פארלאזט די נעסטען, שווערע בלייענע וואלקענס פארדעקען אפט דעם הימעל, אין דער לופט קלינגט דער „קהלת״ ליעד, ווי א הספד נאך דעם פרעהליכען פריהלינגג זומער, זאגט „הבל הבלים״. דאך ווען ער דערמאהנט זיך, אז עס געהען הייליגע גרויסע טעג,

ווען עס בליהען אויף פארשידענע נשמה צווייגען, ווי מיט א טיעפע התלהבות־דיגע ווארימקייט, צוזאמען מיט אינערליכע קלאנגען און שירה געזאנגען פון טרייסט און האפנונג, ווערט ער בשמחה'דיג „שישו ושמחו בשמחת התורה"... אזוי פיהרט ער זיך ביז סכות, וואס איז דער זמן שמחתנו, מיט די שמחת און רקודים פון „שמחת בית השואבה", מיט די 7 הייליגע אורחים... אלטע יונגע זיידעס „אישפוזין"... די גוטע פאסטוכער פון די אידישע „צאן קדושים" איז דער „סוכה" וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט און האלט זיך שטארק... על פי נס. אבער צו דער העכסטער מדרגה פון התלהבות און שמחה האט ער דערגרייכט די נאכט פון שמחת תורה. מי שלא ראה שמחה זאת לא ראה שמחה מימיו, ווער עס האט די שמחה ניט געזעהען, דער האט קיין שמחה קיינמאל ניט געזעהן. דאס איז ביי איהם געווען די אמת'ע תקיעה גדולה, די גרויסע תקיעה רוף צו שמחת און התלהבות'דיגע אחדות און אהבת רעים.

מיט א באזונדערע הכנה האט זיך מיין זיידע ר' משה מכין געווען צו שמחת תורה. קודם כל האט ער געגעבען א „מאניפעסט", אז אלעם אין שטוב איז בבחינת הפקר. אלע שטובען מיט אלץ וואס געפינט זיך אין זיי איז הפקר, און הלצה'דיג געזאגט צו דער באבע חוה עליה השלום: „דו זאלסט דיך נאר ניט צוויינען". און מיט א יום כפור ניגון האט ער געזאגט „לד' הארץ ומלואה תבל ויושבו בה," אז אלעס וואס עס איז דא אין שטוב איז צו גאט און צו די חסידים. די באבע, מיט א באזונדערען צניעות'דיגען יום טוב חן פון א בכבוד'יגע אשת חיל. מיט א באזונדערע ענערגיע פון א געראטענע בעל הבית־טע, האט געבאקען די שטעפענט מיט האניג און מאהן, געבראטען די גענז, געגרייט די פארשידענע מיני קוגלען, וואס יעדער קוגעל איז א באזונדער זכר און אנדענקונג פון אלטע חסידישע מנהגים, געבאקען לעקעך מיט שמחת תורה־חלות וואס זענען געווען באצירט מיט פארשידענע פויגעל־פיגורען און אותיות. לכבוד שמחת תורה האט זי „מקדיש" געווען דאס „קניפעל", וואס זי האט געהאט אפגעשפארט א גאנצען זומער. אלע קינדער אין שטוב האבען צוגע־האלפען. אפט איז געקומען יצחק'ל קונדאס, ווי א קאנטראלער האט ער גע־פארשט, בודק געווען צי מען באשווינדעלט ניט. דערביי פלעגט ער זאגען צו דער באבע חוה: איהר ווייסט דאך, אז „הן בקדושיו לא יאמין", אז אפילו אין א גבאי'טע טאר מען ניט גלויבען דעריבער מוז איך זעהען, וואס מען איז מכין לכבוד שמחת תורה... די באבע האט איהם פארזיכערט, אז אלעס איז כשורה, אין בעסטען ארדנונג, איז ער אוועק צופרידען.

שמיני עצרת נאך דעם גשם בענשען, האט יצחק'ל איבערגענומען די גאנצע קאמאנדע, און האט אויסגערופען, האלטענדיג הויך א פלעשעל י"ש בשמחה: „הושענא למען באי באש ובמים על קידוש שמך", און ווען קען מען דען באווייזען קידוש השם מיט א אמת'דיגע שמחה און אהבת ישראל, אויב נים אין א עת שמחה, ווען מען נעהמט א ביסעל יי"ש, און דערביי האט מען

אהבת ישראל. דאס ביסעל יי״ש איז צוזאמען „אש ומים״, פייער און וואסער. אהן שמחה און אהן א ביסעל יי״ש איז מען טרוקען, איך די נשמה ווי קרח הנורא, קאלט אייז; דער גוף ווי עצמות היבישות, א זעקעל דארע ביינער, אן אבגעשלאגענע הושענא... א אבגעבראכענער אתרוג פון פיטום, א דארער געלער לולב... נעהמט מען אבער א ביסעל יי״ש בשמחה, מיט התחברות איז מען באמת א „פרי עץ הדר״, א אתרוג, א שעהנער גוף מיט א שעהנע חסידי־שע נשמה על כן—שרייט ער אויס הויך—בין איך אויף איין גוזר, אז קיינער זאל ניט אהיים געהן, זאל מען ניט ווערען וואכעדיג מגושם׳דיג, זאלען די התלהבות׳דיגע געטליכע פונקען פון שמחה ניט פארלאשען ווערען. דערביי האט ער מעשה „נאטשאלניק״ א פריקאז געגעבען, און גוזר געווען, אז מען זאל געהן מבית לבית מאכען קידוש, און „כדי שלא לבייש את מי שאין לו,״ ניט צו פארשעמען דעם וואס האט זיך ניט צוגעגרייט, זאלען חברה יונגווארג קונדסים געהן צו אלע חסידים און מאכען א „גלאוונע רעוויזיע״, און די גאנצע „קאנטראבאנד״ ברענגען אין שטיבעל, דאס הייסט, אלע קוגלען, פלאדענס, געבראטענס, חלות און קרעפלעך זאל מען ברענגען אהין, און פון שטיבעל זאל זיך אנהויבען די נסיעה צו אלע חסידים.

די נסיעה האט ער אויסגערעכענט זאל דויערען ביז איבער „שבת בראשית״. תוך כדי דיבור האבען שוין חברה־לייט זיך ארויסגעלאזט אויפ׳ן שטעדטעל צו די חסידישע הייזער, און מען האט געבראכט „פראוויאנט״ מכל טוב, כסעודת שלמה בשעתה, באגלייט פון א גאנצע חברה יונגע קינדער. מיט פרעהליכקייט און געזאנג זענען זיי אריין אין שטיבעל, וואו יצחק׳ל קונדאס האט מיט א אידישע פארזיכטיגקייט אלעם איבערגענומען. ער האט דעם ערש־טען קידוש געמאכט. דערביי איז ער פון גרויס שמחה אריינגעפאהרען אין דעם שבת׳דיגען קידוש, מיט דעם ניגון פון דער הגדה, וואס האט ארויסגערופען גרויס פרעהליכקייט. מען האט געגעסען, געזונגען און געטאנצט, ביז עס איז נאכט געווארען, און מען האט זיך מכין געווען צו די הקפות מיט די רקודים. דאס שטיבעל איז געווען געפאקט פון אלט און יונג, און סתם חברה פון שטעדטעל זענען געקומען הערען און זעהען די חסידישע הקפות, דאס התלהבות און פרעהליכען רעש אין דער ווארימער יום טוב׳דיגער לופט וואס האט ארויסגערופען, ווען יצחק׳ל האט קוקענדיג אויף די חברה קליינווארג, די אידישע קינדער, געגעבען א געשריי „צאן קדשים״. אויף וועלכען די קינדער האבען מיט זייערע יונגע ליעבליכע זאטע און צופרידענע שטימען געענט־פערט ווי יונגע זאטע שעפסעלעך: „מע־מע״.

געדאוועט מעריב האט טאקע יצחק׳ל, מיט א קיטעל אויף א איבערגע־דרעהטען אלטען פעלץ, מיט אן אלט זעלנעריש היטעל, ארומגערינגעלט מיט דעם קינדער כאר פון די „צאן קדשים״. אנגעהויבען האט ער דעם מעריב מיט א פרעהליכען ניגונ׳דל און אריינגעפאהרען מיט א ימים נוראים ניגון פון „הנני

העני ממעש", וואס איז אין מיטען איבערגעריסען געווארען מיט א רקידה און געזאנג פון יונגע לייט. אפט איז געפלויגען א טלית יצחק'לען אין קאפ. בחיפזונדיג האט ער אבגעראטעוועט דעם מעריב, פארביסען מיט א לעילא ולעילא'דיגען קדיש, א חסידיש קנאקענדיג זמר'ל פון תתקבל, וואס איז גע־ווארען ארומגעכאפט מיט א רעדעל אין א פרעהליכע בגילופינ'דיגע רקידה....

אתה הראית האט געזאגט דער גרויסער ר' אהרן, מיט א ערענסטע הייליגע ציטערדיגע שטימע, ווי דינע סטרונעס פון א אלטען אויסגעשפילטען פידעל, די טענער האבען זיך געצויגען און געגעבען זיסקייט, ווי פרישער זיסער האניג. דאס האט א ביסעל אריינגעבראכט ערנסטקייט, רוהיגקייט און מנוחה, צו דערפרישען דעם רעיון און די השגות צו דער ווייטערדיגער עבודה... מען האט ארויסגענומען די ספרי תורות פון ארון קודש. ר' אהרן שרייט אויס: „אנא ד' הושיעה נא, בוחן לבבות הצליחה נא"... אלע דרעהען זיך ארום דעם שלחן... צוערשט מיט שטילע בנעימות'דיגע טריט ווי די גלגלים ארום דעם כסא הכבוד... רצוי ושוב... בסלעכווייז ווערט דאס החלהבות און די רקודים שטארקער און שטארקער. יצחק'ל זינגט אויס פרעהליך „ויאתיו כל לעבדך"... „וטהר לבנו לעבדך באמת", און א חסידישען ליעד אויף אידיש „וכל מאמנים", גאט מוז מען דינען, נאר ניט ווי קיין ליימענער גולם... „הדן יחידי לבאי עולם" וכל מאמינים גאט מוז מען דינען: נאר מיט א גלעזעלע־בראנפען דערביי—„החותך חיים לכל חי..." און אלע צוזאמען ווערען ארומ־גענומען מיט פרעהליכקייט און רקודים. יצחק'ל קונדאס מיט דעם גרויסען ר' אהרן ארומגענומען פעסט געארעמט. אויף זיי כאפט זיך ארויף אויף די פלייצעס מאיר'ל גבאי, ארום א רעדעל די שטיבעל בחורים. יצחק'ל שרייט: "עוזר דלים הושיעה נא"... „קדוש ונורא הושיעה נא"... מען איז אין גאנצען אריין אין עולם השמחה, עס האט זיך געפילט ווי דער „עוזר דלים קדוש ונורא". מיט די פמליא של מעלה מאכען מיט די רקודים מיט די חסידים— אדם העליון... אלעס ווערט אנגעצונדען מיט א ליכטיגקייט פון נשמה יתירה־דיגע הייליגקייט. א הייליגער שכינה־טאנץ, געהויבען די פיס, קאפ אויף אקסעל, האנד אויף האנד, ווי הבדלות געפלאכטען מיט א התלהבות'דיגע ווארימקייט. אזוי האט מען געטאנצט און געזונגען ביי אלע זיבען הקפות, ביז יצחק'ל האט אויסגערופען: חברה, לאמיר א ביסעל מקצר זיין, ווייל מען דארף נאך האבען שמחת יום טוב. מען טאר ניט מבייש זיין די קרעפלעך מיט די קוגלען, און מארגען איז אויך א טאג. עסען און טרינקען לכבוד יום טוב שמחת תורה איז אויך אן עבודה, און ווי מיט די תורה הקפות געגאנגען, שכינה הקדושה בתוכנו, שישו ושמחו בשמחת תורה. מען בארוהיגט זיך א ביסעל, מען שרייט אויס שמע ישראל. מען שטעלט אריין די ספרי תורות אין ארון קודש, און מ'גרייט זיך צו דער שמחת תורה סעודה לכבוד יום טוב.

קבלת שבת ביי חסידים — שבת מלכתא־מטרנותא

חסידים האָבען שטענדיג א נשמה יתירה, דער זיידע ר' משה פֿלעגט זאָגען, אז אויב ר' בעריל דער מתנגדישער שטאָדט דיין האָט א נשמה יתירה נאָר שבת, און אַ גאַנצע וואָך האָט ער א וואָכענדיגע נשמה, איז ווייל עס פֿעהלט איהם די הויכע השגה פֿון שמחה, בגילופֿין, העכסטענס איז זייער עבודה און תפילה, מיט מורא, ציטערניש, פחד, „עבדו את ה' ביראה — ברעדה..." אפֿילו דער שמייכעל אויף זייער פנים, איז אויך מיט ציטערניש, גלות'דיג, עצבות'דיג, אבער חסידים זענען א גאַנצע וואָך בגילופֿינדיג, — טאַקע, עבדו את ה' בשמחה, פֿרעהליך, לעבעדיג, האבען זיי שטענדיג אַ נשמה יתירה, א ניצוץ פֿון שבת, און ווען זיי מאכען א רקידה ביי א סעודת מצוה, זינגען זיי די ווערטער שבת שבת... אבער שבת באקומען זיי אַ שבת'דיגע נשמה יתירה, א דאָפּעלטע נשמה, א סאָרט „לחם משנה"... „לעילא ולעילא'דיג", א נייע נשמה מיט א הייליגען „רוח אלקים", צו דער שבת'דיגער עבודה, הייליגע מח ארבייט, — „למעבד נשמתין ורוחין חדתין"... ארויף ארבייטען זיך, צו דערהויבען צו א מדרגה העליונה, העכערע השגות באגריפֿען, און אויב דער דיין זאגט, אז „שבת" זענען די ראשי תיבות, אנהויב פֿון די ווערטער „שבת במקום תפילין"... זאָגען חסידים, אז „שבת" מאכט „שמחה במקום תפילין"... די שבת'דיגע שמחה פֿון „תפארת מנוחה וקדושה", שעהנהייט פֿון רוהע און הייליגטום" טאקע „וביום השביעי שבת וינפש"... און אָהן „שמחה" איז מען ווי א „מחלל שבת".

די הכנה צו דער שבת'דיגער נשמה יתירה, האָט זיך אָנגעהויבען דאָנערשטאָג ביינאכט, ווען די באָבע חוה, האט געקנעטען דאס טייג צו באַקען די שבת'דיגע חלות און זיסע קיכלעך, און צוגעגרייט די קוגלען, האָט דער זיידע איינגעזאַלצען די פֿיש מיט גרויס כונה און שמחה — דאס איז געוועזען תמיד זיין מצוה, התנהגות, צו טוהן לכבוד שבת.

מיר קינדער האָבען דערפֿיהלט, אז מען גרייט זיך עפּעס, אויפֿנעהמען אַ טייערען חשוב'ן גאַסט, א אורח לשבת, די שבת מלכתא מטרנותא. די פֿארשידענע הכנות: ריין מאכען די שטוב, גרייטען צום טיש, דאס לייגען די ווייס שעהנע טישטיכער, ארויף שטעלען די לייכטער, לייגען די חלות לחם משנה, פֿארדעקען מיט'ן טראַדיציאָנעלע חלה טישטעכיל, וועלכעס די באָבע

האָט געהאַט כלה־ווייז אויסגעהויפטען מיט פֿאַרשידענע שבת פּסוקים מיט בלומען, און געגעבען אַ מתנה צום זיידען ווען ער איז געווען אַ חתן, און אַנדערע פֿאַרשידענע צוגרייטונגען אין דער שטוב, וועלכע איז ווי אַ קדשי קדשים אויסגעזעהן, די לופֿט האָט געשמעקט מיט קדושה התלהבות, טאַקע ווי די מנורה, שלחן און „לחם הפנים" צוגעגרייט אויפֿנעהמען אורחים לכבוד שבת, וועלכעס דער זיידע האָט שטענדיג געהאַט שבת ביים טיש. ער פֿלעגט זאָגען אַז אַ שבתדיגער טיש אָהן אורחים צו סעודת שבת, איז וואַכענדיג, פֿיהלט מען ניט דאָס התלהבות פֿון אהבת ישראל, און עס פֿעהלט דער עונג שבת, און אַזוי ווי תפילין אָהן אַ "קשר" איז פּסול, אַזוי איז שבת אָהן אַ אורח, עס איז ניט דער „שולחן" לפני ה'... צו ליכט צינדען איז שוין אַלעס געווען אין אָרדנונג, כדבעי למהוא, דער זיידע איז געקומען פֿון „מרחץ" און „מקוה", ריין, שעהן, פֿריש, טאַקע גע'כשר'ט, און גע'טובל'ט, ווי אַ נייע פּסח'דיגע כלי, דאָס פּנים ווייס ווי אַ ספר תורה יריעה, וועלכעס איז געוואָרען אָפּט מיט רויטע שטראַהלען, דורך דעם פֿינקלען פֿון די שעהנע פֿלאַמען פֿון די שבת'דיגע ליכט,—דודי צח ואדום—מיט די 2 שעהנע ערנסט ליעבליכע אויגען בליקען וועלכע האָבען ארויסגעלייכט ווי צוויי שבת ליכט „זכור ושמור", ווי זיי קוקען אין העכערע וועלטען, עולמות עליונים, אין יום שכלו שבת אין ערשטען „שבת בראשית", ווען עס האָט זיך נאָך געלויכטען פֿונקען פֿון „אור שבעת הימים", און געהערט קלאַנגען געזאַנגען פֿון שמחה אהבה, תענוג רוחני פֿון גן־עדן העליון... דער מזמור שיר ליום השבת... דערביי האָט ער געטראָגען די חסידישע שבת'דיגע אַטליסענע קאַפּאָטע, די בגדי שבת, מלבושי כבוד, אַזוי ווי אַ חתן גרייט זיך מקבל פּנים צו זיין די צניעות'דיגע כלה... אַ באַזונדערען ליעבליכען יראת הכבוד'יגען חן, האָט איהם צוגעגעבען, ווען ער האָט אַנגעטהון דעם כתר, דאָס שטריימעל, די קרוין, אויפֿן קאָפּ. דאָס אַלטע חסידישע שטריימעל — דערביי פֿלעגט ער ערקלערען, אַז „שבת" איז די ראשי תיבות פֿון די ווערטער, „שטריימעל במקום תפילין" —האָט זיין סבא קדישא'דיג פּנים, באַצירט מיט ערנסטען הוד הדר'דיגען פּאַטריאַרכאַלישען זקנה חן—עתיקא קדישא—צוזאַמען מיט אַ ליעבליכע יונג געטאַקטע זעיר אנפּין'דיגע צורה, אַ אחדות פֿון 2 וועלטען, אַלט און יונג... „זקנה ובחרות" און די ליפּען האָבען זיך הייליג בנעימות'דיג מתיקות'דיג באַוואויגען, ווי אַ שטילען „סוד". דער סוד פֿון דער בריאה, וועלטס שעפֿונג, און דער „תכלית" דער אייביגער מנוחה רוהע שלום, דער ריכטיגער תכלית, פֿון די „ששת ימי המעשה, און דער יום שכלו שבת" דער געהיימנים פֿון לעבען און שאַפֿען, דער „רזא דשבת... ברזא דאחד... דער געטליכער אייניג־קייט... און עס הערט זיך די שבת'דיגע ברכה פֿון דעם „מקור הברכות," זאָגענדיג 2 מאָל גוט שבת, גוט שבת, דערביי האָט מען געזעהן, ווי דער מח אַרבייט אוים רעיונות נגונים צום „לכו נרננה—לכה דודי—בואי כלה, שבת

מלכתא״... און פיעל מאל זינגט ער זיך צו, מיט א נשמה יתירה׳דיגע התלהבות, צופרידען, ווי איינער שפאצירט פריי, פרעהליך אהבה׳דיג ביחידות אין א שעהנעם בליהענדען עפעל גארטען אנגעפילט מיט ריח ניחוח׳דיגען בשמים געשמאק און געזעטיגט מיט ליכטיגע ווארימע מזרח זונען שטראהלען —חקל תפוחין קדישין—און זינגט, טרוימט, וועגען: שעהנהייט, הייליגקייט, און לעבען... דער זיידע האט דאן אויסגעזעהן ווי א מלאך׳ישע פיגור, „תוארו כמלאך ה׳ צבאות״, ווי אליהו הנביא אין זיינע מיסטישע קבלה נביאישע מלבושים... ווי אדם הראשון אין גן־עדן איידער ער האט געגעסען דעם עץ הדעת... אזוי האט זיין פנים מיט העכערע שעהנהייט פון אור הגנוז, גע־שטראהלט מיט שמחה, און דאס איז געווען די הכנה צו געהען אין חסידים שטיבעל, דאס האט אונז קינדער, אריינגעברענגט דעם גרויסען טיעפען ליעב־ליכען חשק, תשוקה באנגעהר, רצון, מיטצולויפען מיטן זיידען (משכנו אחריך נרוצה) אין חסידים שטיבעל, צו האבען דעם גרויסען אונפארשטענדליכען נשמה׳דיגען שיר השירים שבת׳דיגען תענוג, וואס איז טיעף סודות׳דיג פון חדר ביז׳ן קבר, דער סוד פון „לב אבות על בנים״, אחדות׳דיג „עלטערען קינדער״ „ינוקה און סבא קדישא״ צו זיין, צוזאמען מיט די חסידים מקבל שבת זיין, זאגען „הודו, פתח אליהו, ידיד נפש״ ערב שבת׳דיגע מנחה און קבלת שבת, און אין שטיבעל אלע צוזאמען מיט א סודות׳דיגע אהבה שמחה אחדות־דיג, האט מען געזעהן ווי אלע פנים׳ער ווערען באלויכטען מיט א העכערע ליכט פון די מטרנותא שבת שכינה מנורה, געהייליגט מיט די רעיונות שמחה קדושה פון די חסידישע תפילה און אהבת ישראל—טאקע ריכטיג „כגונא־דוא דשבת, ואנפהא נהורין בנהורא עליאה, ואתעטרית לתתא בעמא קדישא״...

אלע צוזאמען האבען מיר געזאגט מיט כונה פון שבת׳דיגע שמחה, דעם לכו נרננה ווי פלאמען פייער זענען די קולות געווען, זאגענדיג קול ה׳ חוצב להבות אש—ובהכלו כלו אומר כבוד... און זינגענדיג מיט פרעהליכע חסידי־שע שבת׳דיגע נשמה יתירה׳דיגע מה און הארץ נגונים מיט א קשר פון אהבת חברים אחדות׳דיג „ברוא דאחד״, דעם לכה דודי — — — כמשוש חתן על כלה — ימין ושמאל... באוי בלה שבת מלכתא.

אויך פיעל מאל, האבען מיר קינדער, געהאט א באזונדערען עונג שבת, אין שטיבעל צו זעהען ווי נאכ׳ן קבלת שבת, ווען עס איז געווען א „אורח״ ווי יעדער האט געוואלט אהיים נעהמען דעם אורח צו האבען א אורח ביים שבת׳דיגען טיש, ניט בלויז באגלייט צו ווערען פון מלאכים־מלאכי השבת, דער זיידע פלעגט זאגען, אז שבת ביים טיש האט ער זעהר ליעב „מלאכים״ וועלכע עסען און טרינקען, דאס זענען די „מלאכי השלום״ ווען ער קומט אהיים מיט א „אורח״, דערפילט ער אז עס איז טאקע „שלום און מנוחה״ אין שטוב, און דאס איז דער בעסטער „גוט שבת״, וואס די באבע חוה

פלעגט זעהר וועלען הערען, ווי ער האט געזאגט גוט שבת, איך האב געברענגט א איד צום טיש צום עונג שבת מנוחה ושמחה אור ליהודים־שלום — און ווען אין שטיבעל האט זיך אנגעהויבען א „מלחמת מצוה"—א גאנצע טענה, יעדער האט געוואלט האבען „די זכיה האבען דעם אורח" האט ר' מאיר'ל גבאי געווארפען „גורל" און ווער עס האט געהאט דעם „גליק זוכה בגורל" צו זיין, האט געמוזט געבען א „קידוש"און מאכען א מלוה מלכה לכבוד דעם אורח, אט דאס האט אונז צוגעגעבען א גרויסע פארשטענדעניש צו אהבת ישראל, שעהנקייט צום שבת'דיגען טיש, צום קבלת שבת, שבת'דיגע נשמה יתירה.

אידישע קינדער לערנען תורה

תש"ן

תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב (ברכה)
מפי עוללים ויונקים יסדת עוז
למען צוריך להשבית אויב ומתנקם (תהלים)
אשר טפחתי ורבתי אויבי כלם (איכה).

װי ליבליך בא'חנ'ט און הארציג איז, װען א קינד הויבט אן רעדען, װען פון די זיסע יונגע ליפעלעך קומען קלאנגען, װי דאס פישצען פון יונגע פויגעלעך אונטער דער מוטער'ס פליגעל, אין נעסט, קלאנגען, בלויז האלבע װערטער, און װאס אמאל דייטליכער, זיסער. די אבגעהאקטע װערטער און טענער פון א יונג קינד זענען אונפארשטענדליכע נשמה צאפלענישען. דעריבער האבען אונזערע חכמים ריכטיג געזאגט, אז „כשהתנוק מתחיל לדבר, אביו מלמדו בלשון הקודש"... װען א קינד הויבט אן צו רעדען, זאל איהם דער פאטער לערנען מיט א הייליגע צונג... די פסוקים שמע ישראל, אחד און תורה צוה לנו משה—דאס הייסט איינפלאנצען אינ'ם יונגען מוח'ל פון קינד זאמען פון גרויסען אידישען אחד באגריף...

מפי עוללים ויונקים יסדת עוז... פון די מיילעכלעך פון די יונגע קליינע קינדער איז געגרינדעט דער יסוד פון אידישער שטארקייט, די טראדיציע מיט'ן תורה לערנען צו קענען זיין אן „עם הספר", „בני הנביאים," „ישראל קדושים" קהלות הקודש שמסרו נפשם על קידוש השם... להשבית אויב ומתנקם... עם ישראל חי...

זכרתי לך חסד נעוריך... מיר געדענקען דעם שעהנעם טייערען הייליגען אידישען מנהג, װען א קינד איז אלט געװארען דריי יאהר, האבען איהם די עלטערען געפיהרט אין „חדר". דער פאטער האט דאס קינד איינגעהילט אין א טלית, און אויף דער האנד געטראגען מיט שמחה צום רבי'ן אין חדר. איז דאס דען ניט געװען א „בת קול" פון דעם גרויסען „זכרון" פון דער „עקידה", דער אונענדליכער געטליכער „נסיון" רוף צו אברהם... „קח נא את בנך אשר אהבת"... נעהם דיין ליבען זוהן... צום אייביגען מארטירער װעג...

דער פאטער האט געטיילט לעקעך מיט װיין — סימבאליש לעקעך איז די תורה — כי לקח טוב, װיין — תורה, כי טובים דודיך מיין (וע' מדרשים וספרי מנהגים), און דער רבי האט מיט א טייטעל געװיזען דעם קינד די אותיות, אלף בית... געזאגט און פארטייטשט; אלף — איינס, איין גאט...

בית — צוויי, צוויי לוחות אויפ'ן ארון קודש אין בית המדרש... ג' — דריי, די ערשטע דריי גרויסע אידישע טאטעס: אברהם, יצחק, יעקב; ד'—פיער, פיער ערשטע אידישע מאמעס, באבעס: שרה, רבקה, רחל, לאה; ה' — פינף, פינף ספרים אין דער הייליגער תורה; ו' — זעקס, זעקס משניות; ז' — זיבען, דער זיבעטער טאג איז שבת קודש, ווען דיין טאטע מאכט קידוש, גיט דיר א מוציא חלה, נעהמט דיך אין שוהל, און די מאמע בענשט ליכטעלעך... ח' — אכט, דעם אכטען טאג איז א ברית; ט' מאכט טוב—גוט, א אידיש אינגעלע מוז זיין גוט... צו טאטע מאמע, און צו אלע אידען... י' — דאס קליינטשי־קע איז א „איד", דו אינגעלע ביזט איצט א קליין אידעלע, ווען דו וועסט לערנען תורה וועסטו זיין א גרויסער עהרליכער איד... ווי דיין טאטע און אלע גרויסע אידען... ריכטיג אז דאס מוח'ל פון יונגען קינד האט ווייניג פארשטאנען... אבער — „ברענט א פייערל חיים, זיצט דער רבי לערנט מיט קליינע קינדערלעך, אלף־בית, וועסט מיין קונדעלע דערוואקסען ווערען, וועסטו דאן פארשטעהן, אז אין די אותיות ליגען טרערען, טרייסט און געוויין" (פאלקס ליד). איינגעפלאנצט דאס קערנדעל... אנגעצונדען דאס פינטעלע איד, האט מען געטרונקען לחיים, און דער רבי האט געוואונשען די עלטערען, אז זיי זאלען איהם מגדל זיין לתורה, לחופה ולמעשים טובים, און זאל אויפ־וואקסען אן עהרליכער איד... אלע קינדערלעך האבען מיט זייערע יונגע קלינגענדע שטימעלעך געזאגט אמן...

התחלת חומש, דער טראדיציאנעלער חומש אנהויבען, צו 5 יאהר האט מען אנגעהויבען חומש — קודש הלולים, ספרי מנהגים — אממיינסטענס איז דאס פארגעקומען אין חודש ניסן, פסח צייט, „כי הנה הסתיו עבר — עת הזמיר הגיע — יונתי השמיעני את קולך" (שיר השירים), דער ווינטער איז אוועק, די שנייען און פרעסט זענען פאריבער, דער שפיל־פויגעל הזמיר איז אנגעקומען... פעלדער, בוימער, צווייגען, בלומען בליהען, די לופט איז ריין, ווארים, לויטער, איז דאן די ריכטיגע צייט, צוגעפאסט צו הערען און זעהן ווי דאס יונגע קינד שפילט, זינגט דעם „קול תורה", די ערשטע פרוכט פון איינ־געפלאנצטען קערנדעל... פון אותיות צו ווערטער און געדאנקען, התאנה חנטה פגיה... והגפנים סמדר, קומי לך רעיתי"... און אין א שבת נאכמיטאג זענען געקומען אלע תלמידים, חברים חדר אינגלעך מיט'ן רבי'ן, אין שטוב פון די עלטערן, פון חומש־בחור'ל, מען האט געטיילט אלע „פאפירענע בייטע־לעך" מיט ראזשינקעס און מאנדלען, עפעלעך און פייגען, סימבאלישע אידישע פרוכט (ספרי מנהגים), און דער חומש־בחור'ל האט זיך געשטעלט אויפ'ן טיש, און א „פרעגער" א אינגעלע האט איהם געפרעגט: זאג מיר, מיין טייער בחור'ל, „מה שמחה לך היום?" וואס פאר א שמחה איז ביי דיר היינט? ענטפער... דער חומש־בחור'ל מיט שטאלץ, ווי א גבור פון קדושה: איך הויב אן היינט חומש מיט מזל... וואס טייטש חומש? חומש, פינף ספרים אין דער

הייליגער תורה. ווי אזוי הייסען זיי? דאס בחור'ל צעהלט מיט די שעהנע יונגע אבגעטאקטע פינגערלעך: בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, ד־ב־ר־ים. וועלכע סדרה לערנסטו? ויקרא. וואס טייטש ויקרא? גאט האט גערופען צו משה רבינו און איהם געזאגט דעם דין פון „קרבנות"... דערביי האט ער פארטייטשט מיט זיין קינדערשען פארשטאנד די ערשטע פסוקים פון ויקרא... דאן האט א אינגעלע, א „בענטשער", ארויפגעלייגט זיין ריין הענטעלע אויפן קעפעלע פון חומש בחור'ל און געבענטשט מיט דער ברכה „המלאך הגואל,—יברך את הנערים — וידגו לרוב"... „וועסטו זיין א איד לערנען תורה, וועסטו לעבען אהן שרעק און מורא"... דערביי האבען טאטע מאמע געוויינט, טרערען פון שמחה און תפלה. ווי הייליג ריין זענען די טרערען פון א אידישע מאמע... ריין הייליג ווי דער מארגען־טוי, וועלכע ווערט פון די זונען־שטראלען געוואר־רימט... עס איז ווי דער לעגענדארישער טל־טוי פון תחית המתים... די טרערען און תפילות בקשות זענען געווארען באגלייט מיט א אמן... אין דעם קינד'ס נשמה איז אויף אייביג פארבליבען דער איינדרוק, אז „אויף אלע בערג, טאלען, וועלט, קאכט עס און עס זידט: א מזבח איז אויף דער גאנצער וועלט; און א קרבן איז נאר דער איד"... (פאלקס מאטיוו).

טייערע קינדערלעך! נאך דעם ווי איהר האט מיט אייערע אויגען געזעהן און דורכגעגאנגען די גאנצע סדר קרבנות אויף די פארשידענע מזבחות; מיידאנעק, טרעבלינקא, אשוויענצים, א.א., א.א. נאך דעם ווי דער שונא האט אזוי אכזריות'דיג אלעס אויסגעראטען, טמא געמאכט און חרוב, „אשר טפחתי ורבתי איבי כלם" — וואס מיר האבען דערצויגען און אויפגעהאדעוועט האט דער שונא פארלענדעט, געמאכט א „קרבן עולה," מוזט איהר מיט אייערע יונגע אויסגעלייטערטע, אנגעוועהטאג־טע הייליגע פילענדע נשמה'לעך זיך צוקוקען צו די הייליגע אידישע אותיות און פארשטעהן, זייער טרויער, טרייסט, געוויין.

„יונתי בחגוי הסלע בסתר המדרגה השמעיני את קולך", יונגע טייבעלעך אין די פארשידענע קעמפס, שטעהט אויף, טייערע ליבע קינדער, זאל קלינגען אייער יונג קול מיט מוט און איבערגעבענקייט, אלף — אחד — איד.

אידישע קינדערלעך לערנט תורה — חזק חזק ונתחזק...

אידישע טעכטער

לכבוד אונזערע שעהנע אידישע טעכטער פון די לאגערען און געטאס אין מזרח אייראפא.

כ"ו טבת, תש"ך

עת אראה־יפיך אקרא משוררים בשיר,
עת אראה עניך, אקרא מקוננים... (שירי ר' יהודה הלוי)
ווען איך זעה דיין שעהנקייט, רוף איך פאעטען צום געזאנג,
ווען איך זעה דיין עלענד־ארימקייט, רוף איך דיינע באקלאגער.

אידישע טעכטער! טייערע אידישע טעכטער! בנות ירושלים!

לעצטענס קומען צו אונז די פינסטערע בשורות איוב, פון דיינע ליידען, פיין, טראגעדיע, אומגליק, דיינע ליידען אלס אידישע טאכטער, פיזיש, מאראליש, גייסטיג, דורך די טמאים אכזרים, אויסוואורפען, פילאזאפען־געלערנטע מיט זייערע מאדערנע טומאה'דיגע עקספערימענטען, וויסענשאפטליכע מנוו'ל־דיגע סאדיסטישע שטיק, ווי יענער ערשטער טיטוס, וואס די אגדה דערצעהלט, אז ער האט מטמא געווען, פאראומרייניגט די ספר תורה...

אידישע טעכטער, גראדע איצט, אין דעם „צלמות" שווארצע שאטען פליגעל, פון טומאה, טויט, געפאלענקייט, צובראכענקייט, פארשעמטקייט, מרה־שחורה'דיג, ביזטו ביי מיר הייליג און טייער, שעהן, הויך, ליב, אונענדליך, ווי די ריינע ווייסע פליגעל פון די אונשולדיגע טייבעלעך. ריינע צניעות־דיגע טויבען... גראדע איצט זעה איך דיין שעהנקייט, און רוף די פאעטען צום געזאנג.

טייערע אידישע טעכטער! ווען איך זעה דיינע שעהנע פאר'חלומ'טע אויגען, וועלכע זענען פול מיט טרוים, טרויער, בענקשאפט, אמת'ע ריינע הייליגע פרוי־מוטערליכע ליבשאפט, זעה איך אין זיי דעם געזאנג פון „שיר השירים," דער געזאנג פון אלע געזאנגען, איך הער ווי די שכינה הקדושה שרייט אויס „הנך יפה רעיתי הנך יפה עיניך יונים"... שעהן ביזטו מיין פריינד מיט דיינע אויגען ווי די טויבען... „כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות", ווי א שעהנע פרישע רויז צווישען דערנער, ביזטו אידישע טאכטער... זעה איך אין דיר דעם אמת'ן פירוש פון „שיר השירים", דעם ריכטיגען אונענדליכען נשמה־טייטש, דורכגעדרונגען פון שעהנעם מזרח חן, אהבה, צניעות'דיג, הייליגע ראמאנטיק, מאראלישע ליבשאפט, און פארשטעה דעם

גערעדאנק פון דעם גרויסען גייסטיגען ריז ר׳ עקיבא, דער אונענדליכער מארטירער, וועלכער האט געזאגט: „אלע שירים זענען הייליג, און שיר השירים איז קודש קדשים, דער העכסטער גראד פון הייליגקייט״...

טייערע אידישע טעכטער! ווען איך דערמאן זיך דיין אנטייל אין די פרעהליכקייט, פייערליכקייט פון די אידישע שמחות, חתונות, ימים־טובים, דיינע טענץ, ריקודים, געזאנגען, פאלקסטימליכע אידישע לידער, דורכגעדרונגען מיט לעבען, יוגענד, ענטוויקלונג, בליהען, וואקסען, פארשטעה איך דעם אור־אלטען אידישען מנהג פון יענע טענץ אין דעם הייליגען יום כפור טאג, די ריקודים טענץ אין די ראמען פון קדושה עליונה, הויכע באגריפען פון הייליגקייט, דער יסוד פון אידישען פאמיליען לעבען, אידישע פרוי, אידישע מוטער, צניעות׳דיגע לעבען, ווי די ריינע טייבעלעך, אין זייער נעסט (לא היו ימים טובים לישראל כט״ו באב וכיום הכפורים שבהם בנות ישראל יוצאות ומחולות בכרמים)...

אידישע טעכטער! ווען איך זעה דיין העלדישקייט, מכבים גבורה, דיין קאמפף אין די געטאס, אונטערגרונדס, אויך דיין פארצווייפעלטען עקשנות־דיגען מסירת־נפש׳דיגען קאמף מיט די שונאים, טמאים, אויסוואורפען, דער־מאהנט דאס מיך אין דער שעהנער בא׳חנ׳טער אידישער טאכטער אסתר, אין איהר שמערצליכען געשריי: ״כאשר אבדתי אבדתי... איככה אוכל וראיתי ברעה אשר ימצא את עמי, באבדן מולדתי״, ווי קען איך זעהן דעם אומגליק פון מיין פאלק... אויך זעה איך די מסירת נפש־דיגע הייליגקייט, קדושת השם, פון יענע אידישע טעכטער, וועגען וועלכע די אגדת־החורבן דערצעהלט, ווי זיי האבען זיך געווארפען אין ים, כדי ניט ארייינצופאלען אין די הענד פון די טמאים...

טייערע אידישע טעכטער! אבער ווען איך זעה דיין עלענד, ארימקייט, רוף איך די באקלאגער. „בנות ישראל יפות חן, אלא שהעניות מנוולתן״, אידישע טעכטער זענען שעהן, נאר די ארימקייט און עלענד פאר׳מיאוס׳ט זיי —האט געוויינט און געזאגט דער תנא ר׳ ישמעאל — א חבר פון ר׳ עקיבא — וועלכער האט דורכגעמאכט די אידישע טראגעדיע, אליין אלס אינגעל געווען געפאנגען ביי די רוימער אין א קעמפ־תפיסה. אויך זיין זוהן און א טאכטער זענען געווען אין א קעמפ, און דער שונא האט זיי געוואלט צווינגען צו עקספערימענטען... צו האבען שעהנע קינדער פאר קנעכט... אבער זיי האבען א גאנצע נאכט געוויינט, און ווען עס איז טאג געווארען, האבען זיי זיך דערקענט אלס שוועסטער און ברידער...האבען זיי מיט געוויין, ביטער אבער הייליג אויסגעהויכט זייערע ריינע אידישע יונגע נשמות... דעריבער האט ער תמיד געטראגען אין זיין טיפקייט, אין זיין גרוים אידיש הייליג הארץ, בתוך תוכו של הנפש, במעמקים, די גרויסע שמערץ, וועהטאג און ליבשאפט צו אידען... און אפילו ווען ער האט גערעדט וועגען אומריינע אידען מיט

„נגע צרעת", האָט ער אויך געזאָגט „בני ישראל אני כפרתן" (נגעים ב׳ מ"א, וע"ש) האָט ער זיך געוואונשען, אַז וואָס עס דאַרף טרעפֿען די מצורעים, די אומריינע זאָל איהם טרעפֿען, ער וויל זיין זייער כפרה. אויך האט ער געזאָגט: "הואיל ונמכר לעקר אימא לידחי האבן אחרי הנופל" (קידושין כ׳), אויב אַפֿילו איינער איז נידריג גייסטיג און מאראַליש געפֿאַלען, טאָר מען איהם ניט לאָזען פֿאַלען ווייטער, נאָר מען מוז איהם ברידערליך אויסלייזען... אחד מאחיו יגאלנו, און ער האָט אימער געוויינט, ווען ער האָט געזעהן די טראַגע־דיע פֿון די אידישע טעכטער... ווען ער איז געשטאָרבען האָבען איהם די אידישע טעכטער באַוויינט, געזאָגט „בנות ישראל אל ישמעאל בכינה", אידי־שע טעכטער, באַוויינט ר׳ ישמעאל׳ן.

אוי! על אלה אני בוכיה... וואו נעהמט מען איצט דעם גרויסען תנא, דעם גרויסען אוהב ישראל, זיין הייליגע ליבע צו אומריינע... געפֿאַלענע... ער זאָל איצט קענען וויינען און שרייען אויף אונזער אומגליק, און זאָגען „בנות ישראל יפות חן", „אני כפרתן", און רופֿען, אידען, ברידער, „אחד מאחיו יגאלנו", מען מוז העלפֿען אויסלייזען, פדיון־שבויים, אלע, אַפֿילו געפֿאַלענע, אַלע זענען שעהן, הייליג, פֿאָלקס קדושים, אידישע נשמות זענען אימער הייליג ,קדשי קדשים... עלענדע, אנגעווייהטאָגטע, פֿאַרמאַטערטע נשמות זענען די קינדער פֿון די שכינה הקדושה...

אידישע טעכטער! די אגדה דערצעהלט פֿון אַ טאָכטער פֿון אַ כהן גדול, וועלכע איז געווען געפֿאַנגען ביי אַן אויסוואורף וועלכער האָט זי ערנידריגט און געוואָלט פֿאַרקויפֿען, ווי מען פֿאַרקויפֿט א בהמה... האָט זי זיך געוואָר־פֿען אויף דער ערד און געשריגען, „רבונו של עולם, האָב רחמנות אויף דיין הייליגען נאָמען"... אויף דעם האָט דער מקונן ירמיהו געקלאָגט: „בת עמי חגרו שק, כי פתאום יבא השודד עלינו"... (גיטין נ"ו), אידישע טאָכטער, קלאָגט, פלוצלונג קומט דער רויבער אויף אונז... ווי נעהמט מען איצט דעם גרויסען מקונן וועלכער האָט געקלאָגט: „ראו מכאובי, בתולותי הלכו בשבי"... זעהט מיין וועהטאָג, מיינע טעכטער געפֿאַנגען... ער זאָל קענען געבען דעם ביטערען בלוטיגען געשריי, אַז אַפֿילו די געטליכקייט, די אונענדליכע שכינה זאָל אַ ציטער געבען, וואָס די אויסוואורפֿען האבען געטון, ערנידריגט אונזערע שעהנע אידישע טעכטער, „נשברה בתולת בת עמי שבר גדול מאד"... (ירמי׳ ט"ו) און רופֿען צו נקמה און הילף...

טייערע אידישע טעכטער! איך פֿיל אייער טרויער, פֿאַרצווייפֿלונג, אייע־רע פֿראַגען און יאוש, אייערע שאלות אַנגעוועהטאָגטע... אינטימע אנגע־וועגטאָגטע פֿראַגען פֿון אידישע טעכטער, וועגען זייער צוקונפֿט, אלס אידישע פֿרוי, אידישע מוטער... איך, אַלס רב ביי אידען — ניט קיין רב הכולל, ניט א טשיף רבי, נאָר אַלס רב ביי די אידישע פשוט׳ע פֿאָלקס מאַסען—שרייב איצט מיט בלוט און טרערען צום בראָך פֿון מיין פֿאָלק. איך גלויב אין דעם

גרויסען טאָג פון געטליכע נקמה — אל נקמות הופיע — אויך אין די אונענדליכע היילינע נחמה טרייסט ווערטער פון אונזערע אמת'ע אידישע נביאים, און בין פול מיט היילינען מענשליכען פאָלקס גלויבען אז גראדע אייער צו־קונפט, אלס אידישע פרוי, אידישע מוטער, וועט געקרוינט ווערען מיט גרויס־קייט, הייליגקייט, אידישע גרויסע נשמות פון גבורים וקדושים, ניצוצות פון ר' עקיבא ור' ישמעאל, העלדען און נביאים ווי יפתח און יחזקאל, ירמי' און אנדערע (עפ"י מדרשים שונים ומקובלים והבן...), זיי וועלען זיין די וועלכע וועלען העלפען ראטעווען די געפאלענע און אומגליקליכע מענשהייט, און לייזען די פראבלעמען פון אידישען פאָלק אויף די יסודות פון די נביאים, יושר, צדק, משפט, שלום.

שחורה אני ונאוה בנות ירושלים! איהר אידישע טעכטער, זייט ניט פארצווייפעלט, פאלט ניט אריין אין יאוש, איהר זענט איצט פארשווארצט, אבער „ונאוה", איהר זענט שעהן, „כאהלי קדר כיריעות שלמה," הייליג און שעהן ווי די פרוכת'ן וואס שלמה האט געמאכט אין בית המקדש... „יונתי תמתי", עס מוז געזאגט ווערען א „מאניפעסט" צום אידישען פאָלק און צו דער וועלט, אז מען באטראכט אייך, אידישע טעכטער, ווי היילינע ריינע נשמות, פאלקס קדושים, ווי עכטע צניעות'דיגע אונשולדיגע ריינע שעהנע נשמות... „אל תראני שאני שחרחורת", זעהט ניט אז איך בין שווארץ... דאָך בין איך שעהן כיריעות שלמה...

יונתי תמתי... אידישע שעהנע טויבען, זייט ניט פארצווייפעלט! האלט אייך שטאלץ, ניט געבויגען, ניט געבראכען, פאלט ניט אין יאוש, „תתחדש כנשר נעיריכי"... אייער יוגענד וועט באנייט ווערען ווי אדלער־פליגעל, ווי אונזערע לעגענדארישע מוטערס שרה, רבקה, רחל, לאה, רות, אסתר, מרים יוכבד א.א. מיט'ן גרויסען אונענדליכען נס כח פון אונשטערבליכען אידישען פאָלק וועט אייער יוגענד באנייט ווערען...

אידיש פאָלק, אכטונג, דרך ארץ, תנו כבוד צו אונזערע אידישע טעכ־טער, די ליידענדע מארטירער, קודש קדשים, שעהן, העלדיש...

עוד אבנך ונבנית בתולת ישראל — אז תשמח בתולה במחול, והפכתי אבלם לששון, ונחמתים ושמחתים מיגונם" (ירמי' ל"א) דו, אידישע טאכטער, וועסט נאָך געבויט ווערען מיט פרייד און טענץ, דיין טרויער וועט ווערען פארוואנדעלט אין טרייסט, פרייד און נחמה. „נפלה לא תוסיף, קום בתולת ישראל" (עמוס), בנות ירושלים.

בנות ישראל־יפות הן!

אידישע קינדערלעך שפילען זיך

ד׳ אדר ב׳, תש״ך

געווידמעט די זיסע באַחנ׳טע אידישע קינדערלעך אין מזרח אייראָפּאַ, הי״ד.

ושעשע יונק אל חור פתן (ישעי׳)
הבן יקיר לי אפרים, ילד שעשועים (ירמי׳)
ילדים וילדות משחקים ברחובותיה (זכרי׳)

טייערע ליבע יונגע קינדערלעך! קען איך דען פאַרגעסען דיינע יונגע קינדער־שפּילען, וועלכע זענען געווען א שטיק אידיש לעבען, ליידען, קאַמפּף, האָפענונג, הייליגקייט, טרוים, טרויער, טרייסט, פרייד, געזאַנג. קלאַנגען פון אידישער אייביגער אונשטערבליכקייט, אונענדליכע אויסדרוקען פון חכמת העליונה, ריינע הייליגע לעבענס פילאזאפיע, מענשליכע טראַדיציאָנעלע, נשמה׳דיגע נאַציאָנאַלע, לעגענדעס, זכרונות וועלכע האָט זיך אויסגעוועבט, געבליהט אין דיינע ליבליכע קינדער שפילען, אין מזרח־אייראפא, אין וויגעלע פון פאָלקס לעגענדעס...

ליבע זיסע יונגע נשמה׳לעך! הלואי וואלט מיין נשמה געקענט קינדיש ווערען, יונג־קינדיש, נאַאיוו, תמימות׳דיג, פריש, ריין, הייליג, אז איך זאל זיך קענען מיט אייך ליבליך שפילען, אייער קינדער שפיל, מיט פיל מזרח חן, בענקשאַפט, פּיעטעט, מיסטיש הייליגקייט פון אונבאפלעקטע וועלטען... ווי יונגע ריינע ווייסע טייבעלעך, פייגעלעך, וועלכע זינגען די שירה, מלאכים מאָרגען שרה, נאכ׳ן פרישען ריינעם טוי גע׳טובל׳ט... מיט פאלקסטימליכע גאַנצקייט, אחדות׳דיג, אבקלאַנגען פון פאַרגאַנגענע גייסטיגע וועלטען און נביאישע טרוימען פון „אחרית הימים״, דער ווייטער שלום־יושר׳דיגער צו־קונפט.

מיינע טייערע יונגע אומשולדיגע פויגעלעך! ווען איך באטראַכט דעם גרויסען חורבן וואָס איז געשעהן, ווי „ערבה כל שמחה״, פאַרפינסטערט, צו־שטערט אייערע שעהנע יוגענד טעג, יוגענד קינדער־שפּיל, גראדע אינ׳ם חורבן, טרויער, ווייען, פאַרשטעה איך, וואס אונזערע חכמים האבען געזאָגט און פאַרשטאַנען, אז „זינט דאס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען איז די נבואה איבערגעגאַנגען צו די קינדערלעך״ (בב״ב), און די וועלט האט נאָר אָן עקזיס־טענץ קיום, אין די פשוט׳ע נאַאיווע אויסדרוקען פון יונגע אונשולדיגע אונ־זינדיגע קינדערלעך (תלמוד) הבל פיו של תינוקות (והבן) און מיט די זכרונות

פון דיינע קינדער־שפילען זעה איך די שטארקייט פון „נצח ישראל", פון „עם ישראל חי", דאס הייליגע נביאישע ווארט, שטראף רייד און טרייסט, טרוים און ווירקליכקייט, לעבען, שאפען, בליהען, ווי די שכינה הקדושה „שפילט" זיך, פאר זונען אויפגאנג, מיט די נשמה'לעך פון די פריהצייטיג געשטארבענע אידישע קינדערלעך (מקובלים) צום אויפלעבונג און תחית המתים...

דער ערשטער אידישער קינדער־שפיל. די אגדה דערצעהלט ווענען משה רבנו, ווען ער איז על פי נס גערעטעט געווארען פון זיכערען טויט, און די האנד פון דער השגחה העליונה האט געוואלט אז גראדע פרעה, דער אכזר, זאל ערציהען דאס ערשטע אידישע קינד, און ער האט זעהר שטארק דורך זיין צלם אלקים נושא חן געווען, און פרעה האט זיך מיט דעם קינד געשפילט. אזוי שפילענדיג האט ער דעם קעניג אראבגעריסען די קרוין פון קאפ... מען האט דאס קינד געוואלט פאראורטיילען צום טויט, אבער מען האט אוועקגעשטעלט צוויי שיסלען, איינע מיט גאלד, די צווייטע מיט פייער, און געפרובט צי דאס קינד האט „שכל"... און דאס יונגע קינד האט שפילענדיג געכאפט דאס פייער אין מויל און איז געבליבען שטאמלענדיג... „ערל שפתים"... האבען די „מצריים חכמים" געדענקט, אז מען האט צו טון מיט א נאריש קינד... אבער דורך דעם פייער אין זיין מויל האט זיך שפעטער אנטוויקעלט דער גרויסער הייליגער גייסט, נבואה, גבורה, צו פארשטעהן און זעהן דאס הייליגע אונ־פארשטענדליכע „סנה" פייער... דער דארן ברענט... און די גרויסע אייביגע אונענדליכע רעטעניש פון קיום האומה הישראלית, „הסנה איננו אכל—אהיה אשר אהיה"... און האט מיט זיין פייערדיגען רוף געפאדערט שטאלץ, ניט דיפלאמאטיש: „שלח עמי ויעבדנו!" שיק ארויס מיין פאלק—און איז געווארען דער אידישער גואל, מנהיג, רבי, חכם, דער אונשטערבליכער אייביגער „משה לא מת"...

טייער אידיש קינד! „ללמד בני יהודה קשת", איך געדענק דיין „פייל און בויגען" שפיל אין ל"ג בעומר, ווען אין די שעהנע זומערדיגע ווארים ליכטיגע זונען טעג ביזטו געגאנגען פריי פרעהליך אין וואלד, פעלד, בערג, טאלען, מיט'ן „ביקסעל שפיל," דער סימבאל טראדיציאנעלע יאהרצייט פון ר' שמעון בן יוחאי, און זיין קאמף נעגען די רשעות'דיגע רוימער, זיין באהעל־טעניש 13 יאהר אין אונטערגרונד „מערה", געטרוימט דעם הייליגען מיסטישען טרוים פון „זוהר", הימלישע לויטערקייט, דעם „סוד" פון אידישען קיום, חבלי משיח ומלחמות גוג ומגוג, גלייכצייטיג האסטו ביים קינדער־שפיל געהאט די „יניקה", סימבאליש פון דעם העלדישען קאמף פון בר כוכבא און גבורי ביתר, וועלכע האבען מיט זייערע „טייטלען" געקעמפט מיט'ן שונא... ביז דער שונא האט זיך געשטארקט, האט ער זיי איינגעוויקעלט אין די ספרים און פארברענט אין פייער (אגדה גיטין נ"ז, וע"ש). אלטע זכרונות, נייע טרויעריגע ווירקליכקייט...

אידיש קינד! דגל מחנה יהודה. איך געדענקט דיין שפיל פרייד אין שמחת תורה, מיט דעם פאהן מיט'ן אויפשריפט „דגל מחנה יהודה," מיט די שעהנע ליכטעלעך, באצירט מיט שעהנע פרישע רויטע עפעלעך, האסטו פריי, פרעהליך, טאנצענדיג, שפילענדיג, מיטגעמאכט די הקפות, דער סימבאל פון פאהן און פרייהייט, ליכטעלעך—נר מצוה, עפעלעך—דער שיר השירים אויסדרוק „תחת התפוח עוררתיך", דאס רויטע עפעלע איז דער סימבאל פון בלוט און לעבען... אידישע טייכען בלוט, בדמיך חיי, דאס עפעלע דער אויסדרוק פון אידישען מסירת נפש'דיגען אייביגען אונפארשטענדליכען נעשה ונשמע'דיגען באגריף... מיר זענען אידען... (על פי התלמוד שבת ע"ז תפוח נעשה ונשמע וע' תוס' שם והבן).

ליבליך קינד! בקבוץ בניה לתוכה בשמחה, יענע חנוכה נעכט, דער „דריי־דעל" שפיל, אלע קינדערלעך זענען זיך צוזאמענגעקומען, מיט די עלטערען, זיידעס באבעס... יא, ווי שעהן ליבליך, זיס זענען די זכרונות פון זיידע־באבע אידישקייט... מיט דעם דריידעל־שפיל, מיט די אותיות נ.ג.ה.ש. דער טייטש באדייטונג „נס גדול היה שם", א גרויסער נס איז דאן געווען... האט זיך דאס דריידעל געדרעהט אין אלע זייטען, איז דאס געווען דער סימבאל, אז מיר זענען „נע ונד", צושפרייט אין אלע עקען פון דער וועלט, און גלייכ־צייטיג געגלויבט באמונה שלימה, מיט'ן גלויבען פון „זקניך ויאמרו לך בינו שנות דור ודור," די זיידעס־באבעס וועלען דיר זאגען... געבען צו פארשטעהן די אייביגקייט, אייביגע דורות... דער גלויבען, אז עס וועט זיין „וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ," פון אלע פיער וועלט זייטען וועלען די קינדער צו זייער הייםלאנד צוריקקומען, טראץ אלע שטערונגען... משמח ציון בבניה...

טייערע ליבע אידישע קינדערלעך! זכור אשר עשה עמלק, איך געדענק אייערע קינדער „פורים שפילען", און דעם „המן־קלאפער־גרעגער", ביים מגילה לייענען האט איהר געקלאפט המנ'ען... דער אייביגער המן, מיט זיין שנאת־ישראל'דיגען סם, האט געוואלט דאס גאנצע אידישע פאלק אויסראטען... „להשמיד להרג ולאבד את כל היהודים נער וזקן טף ונשים"... א דאנק א נס, דורך א אידיש קינד, א קיילעכדיגע יתומה אהן א פאטער און מוטער, ערצוי־גען ביי א „איד א מענש"... — „אסתר אין לה אב ואם... מרדכי איש יהודי"—האט מיט גרויס צער און טרויער געפילט דעם אידישען חורבן... און געפאדערט פאר אלעם „כנוס את כל היהודים," אחדות ביים אידישען פאלק, דאן איז זי געגאנגען אויף קידוש השם... און מסירת נפש'דיג אויסגע־שריען „כאשר אבדתי אבדתי", אהן מיין פאלק בין איך פון אלעם פארלוי־רען... קיין האפנונג, אפילו אין קעניגליכען הויף... און ווען דער „איד און מענש" מרדכי האט באגעגנט אידישע קינדערלעך, האבען זיי איהם גע־שטארקט, געוועקט און געזאגט נביאישע רייד... „אל תירא, עצי עצה ותופר" „ועד זקנה אני הוא ואמלט"... האב ניט קיין מורא, די עצות פון די שונאי

ישראל אויסצוראָטען דאס אידישע פאָלק וועט צושטערט ווערען, בור כרה ויחפרהו, אל תירא!

טייערע אידישע שפּילענדיגע קינדערלעך! וששעשע יונק אל חור פתן, איך גלויב, אַז דו, אידיש קינד, אין צער, טרויער, ליידען, ביזט דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גיהנום, אין דיין יתום׳דיגקייט וועסטו ערצויגען ווערען, געשטאַרקט מיט הייליגען פייער וועסטו צוברעכען אַלע גאָלדענע געטער, ניט שפּילען מיט גאָלד... און מיט פייל און בויגען, גבורה און מכבים שטאַרקייט וועסטו הויבען הויך און שטאָלץ דעם פאָהן פון פרייהייט, פון אַלע עקען וועלט וועסטו קומען, אַלע, אַלע, אפילו די „אובדים והנדחים" צוריק צום הייליגען לאַנד, מיט דעם געטליכע נקמה גייסט געגען דעם אייביגען עמלק... מצות מחית עמלק, צום לאַנד, וואו עס האבען געטרוימט די אידישע און וועלט נביאים, צום אייביגען שלום, יושר, צדק ואמת.

דו טייער אידיש קינד... דו ביזט באַרופען צו זיין דער נביא, צו שפּילען, דעם לעצטען גרויסען „וועלט שפּיל," דער שפּיל פון קינד, וששעשע יונק אל חור פתן... א קינד וועט זיך שפּילען מיט א ברענענדיגען שלאַנג... דער אור־אַלטער שלאַנג נחש הקדמוני וואָס האט געברענגט טרויער, טרערען, ליידען, שטערבליכקייט אויף דער וועלט, וועט א „תיקון" האָבען, דער סם המות וועט פאַרשוואונדען ווערען. די גאַנצע בריאה, וועלט שעפּונג, וועט ווערען געהייליגט, ריין ווי זי איז געוועזן איידער דער סם שלאַנג האט די וועלט דעם עץ הדעת נעגעבען... א גאַנצקייט, ברידערליכקייט אין דער גאַנצער נאַטור, וועלט שעפּונג, די וועלט וועט ווערען קינדיש ריין, הייליג, תמימות׳דיג, אונ־ענדליך, מיט חכמה העליונה, מלאה הארץ דעת... דער ערשטער שפּיל פון משה... און דער לעצטער שפּיל פון אידישען קינד, נביאישען געדאַנק... ילד יולד לנו, ותהי המשרה על שכמו... פלא יועץ גבור אבי עד שר שלום — דאס אידישע קינד, גאולת העולם ומלך המשיח...

אידישע קינדערלעך ביי'ם סדר

תש"ץ

זכרונות פון דעם נאהענטען עבר און די טראגישע ווירקליכקייט

1) אמאל...

„עס קומט פסח ביינאכט, איז יעדער איד א מלך;
ער זיצט ביים סדר מיט זיין פאמיליע פריי פרעהליך".
(פאלקס מאטיוו)

דער „סדר טיש," מיט די ארבע כוסות און „קערה", א פרישע ריינע יום טוב'דיגע שטוב, אין א ליבליכע פאמיליען אטמאספערע, היימיש ווארימע סביבה, צוזאמענגעבונדען פאראייניגט, אלע: זיידעס, באבעס, מאמעס, טאטעס, מיט זייערע ערנסטע מחשבות, רעיונות, קנייטשען פון ברייטען שטערען און איבערלעבונג פון עלטער... יונגע קינדערלעך מיט זייערע פרישע בא'חנ'טע פנים'לעך, מיט זייער תמימות'דיגען געזאנג, פרעהליכקייט, קלאנגען פון לעבען. די גאנצע צערעמאניע פון „אבריכטען דעם סדר" איז געווען ניט בלויז א „זכר ליציאת מצרים", נאר אויך זכרונות פון אונזער גאנצען גלות-מארש.

יעדער ענין פון „סדר", אנהויבענדיג פון די גרויסע תורה דינים, „עדות חקים ומשפטים"—ניט עסען חמץ, עסען מצה, מרור, ארבע כוסות, ביז דעם מנהג, דאס די קליינע קינדערלעך האבען „גע'גנב'עט" דעם „אפיקומן" (טעמי מנהגים) א.א. איז אונז געווען נאהענט און טייער ניט בלויז קודש נאר קודש קדשים.

א באזונדערען ליבליכען, חסד'יגען חן האט צוגעגעבען צום סדר-טיש די ראלע פון די יונגע קינדערלעך, די ליבליכקייט, ווי אזוי זיי זענען געזעסען ביי דער זייט פון פאטער און מוטער, ווי יונגע טייבעלעך ווארימען זיך אין דער נעסט, מיט זייערע שעהנע אייגעלעך, האבען זיי אלעם באטראכט, און מיט יוגענד שטימעלעך געקלונגען ווי גלעקלעך אין א ספר תורה כתר, און געזאגט: "קדש, אזוי ווי דער טאטע קומט פון שוהל, זאל ער באלד מאכען קידוש, כדי די קליינע קינדערלעך זאלען ניט אנטשלאפען ווערען און קענען פרעגען די קשיות"... דער טאטע האט געמאכט קידוש, מיט א יום טוב'דיגען ניגון געזאגט „אשר בחר בנו מכל עם", מיט דער ברכה „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה"... געדאנקט גאט, וואס די גאנצע משפחה איז צוזאמען ביים טיש... עס האט אבגעקלונגען דער קינדישער אמן...

מה נשתנה הלילה הזה. ביים צווייטען כוס פֿרעגט דאס זוהנדעלע מיט א קינדיש נאאיווע ערנסטקייט די פֿיער קשיות: „טאטע, איך וועל דיר פֿרעגען פֿיער קשיות: מה—פֿאַרוואָס, נשתנה—איז געוואָרען פֿאַרענדערט, הלילה הזה —די דאָזיגע נאכט פֿון פּסח, מכל הלילות—פֿון אלע נעכט פֿון א גאַנץ יאָהר.. כלנו מרור, ביטער, כלנו מסובין... ענטפֿער מיר, טאטע, א תירוץ! דערביי האָט די מאמע מיט איהר יום־טוב׳דיגע בת מלכה אויסזעהן געקוקט אויף איהר ליבליך קינדעלע, און מיט אידישע מוטערליכע טרערען געפּלאַכטען א „תחינה תפילה בקשה" צו דער הייליגער „מטרוניתא", מוטער פֿון די „כנסת ישראל", אז זי זאָל דערלעבען, דאס איהר קינדעלע זאל אויפֿוואַקסען אן עהרליכער איד.

שפוך חמתך — די צווייטע העלפֿט סדר. מען האָט אָנגעגאָסען דעם כוס של אליהו הנביא, און די מאַמע האט פֿאַרדעקט איהר קאָפּ, מיט זעהר שטילע טריט איז זי צו דער טיר צוגעגאנגען און זי געעפֿענט... אזוי זעהט אויס די לעגענדארישע מוטער רחל אלע נאכט חצות צייט, ווען זי געהט ארויס פֿון איהר קבר אין בית לחם, און בעט ביים שומר ישראל צו עפֿענען די שערי רחמים, די טויערען פֿון חסד און גאולה... און דער טאטע זאגט דאן שפוך חמתך — כי אכלו את יעקב ואת נוהו השמו — און די יונגע קינדערלעך אין זייער נאאיווער אמונה האבען זיי „דערזעהן", ווי אליהו הנביא, דער גייסטי־גער פֿאָטער פֿון די אידישע קינדערלעך (כסא של אליהו הנביא ביים ברית מילה) שוועבט ארום אין אלע אידישע שטובען, די קינדערלעך מיט זייערע ריינע נשמה׳לעך האבען „דערהערט" די טריט פֿון דעם מבשר הגאולה, ווי ער שפרייזט אויף בערג, טאָל אין אלע אידישע שטעדט, שטעדטלעך, היימען, שטובען און ברענגט טרייסט, ליבשאַפֿט צו די אידישע קינדערלעך, ער בלייבט דער העלד פֿון זייערע קינדערשע לעגענדעס און חלומות.

חד גדיא, חד גדיא — צולעצט דאס פֿרעהליכע קינדער ליד, דער שפּיל געראַנגעל פֿון לעבען, אקעגען דעם קליינעם אונבאהאָלפֿען „שעפּסעלע". דאָס ליד האט ארויסגערופֿען ביי די יונגע קינדערלעך א טיפֿען רחמנות געפֿיל צו אונבאהאָלפֿענע, געיאָגטע, געפּלאָגטע... ליבע צו א יונג שעפּסעלע...

2) איצט

„אלטע קלאַנגען, לאַנג פֿאַרגאַנגען, איינס איז נאך דאָ,
עס איז געבליבען וואס צו ליבען, הייליג איז די שעה".
(פֿאלקס מאָטיוו)

ניט קיין סדר, איכה ישבה בדד, אלעס איז חרוב ומוחרב (עס איז סימבאָ־ליש, אז די נאכט פֿון פּסח געפֿאלט שטענדיג ווי די נאכט פֿון תשעה באב, לויט א״ת ב״ש רמזים) קראַנק, צובראָכען ליגען מיר אויפֿן קראַנקען־

געלעגער, קיין רפואה, קיין טרייסט... ניט קיין כוס ווין צו מאַכען קידוש, נאָר גאַנצע ימים מיט בלוט און טרערען פון אונזערע טייערע קדושים, אַלט און יונג... וואו זענען אונזערע קינדערלעך?... זיי זענען אַנטשלאָפען געוואָרען, ניט קיין נאַטירליכען שלאָף מיט קינדישע זיסע חלומות... נאָר אויף אייביג אַנטשלאָפען, דורך מיתות-משונות, דורך סם ריחות און גאַז-אויוועגס אין מיידאַנעק, אַשוויענצים, טרעבלינקא א.א... דער טאַטע קומט ניט פון שוהל... ער איז אכזריות'דיג אוועקגעריסען געוואָרען. ער וועט צום סדר ניט קומען. ניטאָ קיין סדר... ניטאָ קיין אידישע שטוב, ניטאָ קיין מאַמע, קיין ברידער, שוועסטער, קיין וואַרימע צערטליכע משפחה—איכה ישבה בדד—כאַלמנה... ניט קיין „שהחיינו" נאָר וועה איז צו אונז, וואָס מיר האָבען דער־לעבט „לזמן הזה", אין אַזאַ צייט, וואָס מיר זענען געוואָרען אויסגעקליבען להרג לאבד למכה ולחרפה... אין א צייט, אין ווען פילע פון אונזערע יונגע קינדערלעך ווינשען זיך בעסער דעם טויט, ווי אַזאַ עלענדען יתום'דיגען אונגליקליכען טרויעריגען לעבען... ברויכען מיר זאָגען קדיש — יתגדל ויתקדש!...

מה נשתנה הלילה הזה, אָט די היינטיגע נאַכט פינסטערניש, מעהר ווי תמיד, עס איז נאָך אַזאַ אונגליק ניט געווען. וואו נעהמט מען דאָס „קינד" וועלכער זאָל פרעגען די קשיות — דאָס „קינד" וועלכער איז דערשאָסען געוואָ־רען פון די רוצחים אויף דער האַנד פון דער אומגליקליכער מוטער אַלמנה (א אויטענטישער בריף פון א לובלינער פרוי, וואָס מען האָט דער־הרג'עט איהר מאַן און די דערוואַקסענע קינדער און דאָס קלענסטע פון 15 חדשים אויף איהר האַנד דערשאָסען) זאָל ער געהן און שטורמען דעם שטענדיג רחמים'דיגען „כסא הכבוד"... זאָל ער שרייען, וויינען און פרעגען דעם „אב הרחמן", דעם „אבי יתומים", דעם ביטערען יתום'דיגען געשריי—טאַטע ! מה נשתנה הלילה הזה—בכה תבכה בלילה... כלו חמץ, אַלעס איז חמץ'דיג געוואָרען, טומאה'דיג, עבודה זרה'דיג, אונזער לעבען האָט דער מנוול'דיגער אכזר טממא געווען... הלילה הזה שתי פעמים... מיר טרינקען אין בלוט און אין שמוץ—כלו מרור, ביטער, כלנו מסובין... קראַנק צובראָכען... זאָלען די יונגע קינדערלעך, די קדושים, וואו זיי זענען, און זייערע חברים'לעך, שארית הפליטה, יונקי שדים שלא חטאו, תינוקות של בית רבן—שרייען, וועקען, שטורמען, פרעגען די „קשיות", אז די וועלט, די געטליכקייט און דאָס אידישע פאָלק זאָלען א ציטער טון...

שפוך חמתך, זאָל די מוטער רחל ארויס פון רוה, זאָל זי ניט אַנטשלאָפען ווערען, און שרייען „כי אכלו את יעקב, פאַרדאַרבען דאָס אידישע פאָלק, די וואוינונג פאַרוויסט, געשענדעט די פאָלקס הייליגטימער... דאָס שעהנסטע און בעסטע פון פאָלק פאַרוויסט. גאָט, נעהם נקמה—ותשמידם מתחת שמי ד', ביז די נחמה וועט דערהערט ווערען „מושיבי עקרת הבית אם הבנים שמחה"....

חד גדיא, חד גדיא, טייערע ליבע יונגע שעפסעלעך, ווען אייערע הברים־לעך, יונגע שעפסעלעך, ברידערלעך, שוועסטערלעך, זענען אזוי אכזריות'דיג אוועקגעריסען געווארען פון לעבען, יונגע בוימער אונטערגעהאקט אויף אייביג, און איהר זענט געבליבען „איינציגע געצעהלט"—אחד בעיר ושנים במשפחה, שטארקט אייך אין גלויבען און האפנונג, אז דער סוף וועט זיין „ואתא הקדוש ברוך הוא ושחט למלאך המות" און נעהמען נקמה פאר די ליידען פון אונזער אונגליקליך פאלק... עס וועלען מקוים ווערען די ווערטער פון נביא „וגר זאב עם כבש"—א וואלף מיט א שעפסעלע וועלען לעבען צוזאמען, הארמאניע און שלום אין דער גאנצער וועלט שעפונג, אין דעם וועלט־סדר...

לשנה הבאה בירושלים!

אידישע זיהן

ט"ו שבט תש"ו

בחור כארזים: בליהענדע בוימער — אבגעהאקטע בוימער.

לכבוד אונזערע שעהנע העלדישע אידישע זיהן אין די לאגערען און געטאס אין מזרח אייראפא.

שיר השירים — כתפוח בעצי היער, כן דודי הבנים... מי עולה מן המדבר כתימרות עשן — מלומדי מלחמה — גבורי ישראל — בחור כארזים חכו ממתקים וכלו מחמדים...
איכה — בחורי הלכו בשבי — בחורי נפלו בחרב, בחורים טחון נשאו ונערים בעץ כשלו...

טייערע אידישע זיהן! יוגענד פון אידישען פאלק! ישקני מנשיקות פיהו —איך קוש דיך און האלז דיך ברידערליך, ווארים, נשמה'דיג, ווייל „כי טובים דודיך מיין", דיין פריינדשאפט איז ביי מיר טייערער ווי אלעס. איך פיהל אז דו ביזט א טייל פון מיין לעבען, ליידען, קאמף, גייסטיגע, מאראלישע, פיזישע יסורים, פון מיין פארגאנגענהייט, טרוים, ווירקליכקייט, און צוקונפט. עבר, עתיד, חורבן וגאולה. לעבען איז יוגענד, יוגענד איז לעבען. עס קען קיין לעבען אהן יוגענד ניט געבען. אויב לעבען איז קאמף, איז די יוגענד דער קעמפער פון לעבען. אויב יוגענד איז שאפען, איז די יוגענד דער שעפער פון לעבען. אויב לעבען איז געזאנג, איז יוגענד דער שיר השירים פון לעבען (פאלקס מאטיוו).

בליהענדע בוימער! אידישע זיהן, על משכבי בלילות, איך זעה דיך בייטאג און זעה דיך ביינאכט; איך זעה דיין שעהנע געשטאלט, דיין בליהענדע יוגענד,

פול מיט גייסט און לעבען. „דודי צח ואדום”... שעהן, „בלוט און מילך”, „קוצותיו תלתלים שחורות כעורב”, דיין שעהנעם יונגען קאפ האר, דיינע ליכטיגע שווארצע בא׳חנ׳טע אידישע מזרח אויגען, בחור כארזים... יונגע העלדישע בחורים, שטאלץ גלייכע, ווי די טענענבוימער, די קרוין פון אידישען פאלק: קעמפער, שעפער, בויער, זינגער. עס איז ניט קיין חלום, א ווירקליכ־קייט איז עס געווען.

אידישע זיהן! איך געדענק דיך, דיין יוגענד, ווען עס האט זיך געשמידט דיין גייסט, דיין הארטקייט, גלויבען, אויסדויער קראפט, הייליגע עקשנות, טרייסט, נצחון, נקמה, נחמה, אייביגקייט, נצח ישראל באגריף. אין די ווינטער טעג און נעכט אין חדר... אויפ׳ן פריפיטשקל האט געברענט א פייערל... און דער רבי האט געלערנט און צוגעזאגט אז איהר וועט קריגען א פאהן... און מיט דעם טראדיציאנעלען הייליגען סיני ניגון האט ער פארטייטשט דעם פסוק „ואני בבואי מפדן ארם מתה עלי רחל”... מיט דעם סענטימענטאלען נשמה־דיגען אויסרעדעניש, ואני—ווען דער שונא נבוזרדן וועט פארטרייבען די אידען אין גלות, וועלען זיי דורכגעהן דורך דער מוטער רחל׳ס קבר, וועט די מוטער רחל ארויסגעהן פון פינסטערען גרוב, און שרייען, וויינען און בעטען צו גאט, ווי אין פסוק שטעהט „קול ברמה נשמע, רחל מבכה על בניה... און גאט וועט זי טרייסטען, פארזיכערען, אז זיי וועלען צוריק צו זייערע גרעניצען, ארויס פון גלות צו זייער היים...” דאן האט איהר איינגעזאפט דעם כח צו געהן דעם גלות מארש פון אלערליי נבוזרדנ׳ס, צו טראגען הויך די פאהן פון פריי־הייט, שלום, יושר, צדק ומשפט אויף די נביאישע יסודות—דגול מרבבה... ודגלו עלי אהבה...

אידישע זיהן! שיר השירים—סדר לפסח מה נשתנה. ווען ס׳זענען געקו־מען די פריהלינג טעג, דער אנפאנג פון שפראצען, בליהען, פון בוימער, פעל־דער, וועלדער, צווייגען, די פויגעלעך האבען געשפילט און געזונגען זייער מאוגען־שירה, די וועלט האט זיך געגרייט צו זאגען דעם שיר השירים, האסטו געלערנט דעם שיר השירים, מיט דעם אור־אלטען טראדיציאנעלען ניגון, פול מיט בענקשאפט, הייליגען נשמה ציטער, גלויבען, ליידען, פריידען, האפנונג. אויך פסח ביינאכט, דער יום טוב פון פרייהייט, זמן חרותנו, ביים פאמיליען טיש, אלט און יונג צוזאמען, משיח סימבאליש, „והשיב לב אבות על בנים”. האסטו געפרעגט די פיער קשיות, „מה נשתנה הלילה הזה”, וואס איז פאר־ענדערט די נאכט פון אלע נעכט, און עס איז געקומען די ערקלערונג פון „עבדים היינו,” קנעכט זענען מיר געווען... אבער מיר זענען ארויס פריי, און געבליבען א אייביג אונשטערבליך פאלק, עם ישראל חי, עם הספר. עס האבען דאן נאכגעפאלגט פארשידענע ערקלערונגען, אגדות, לעגענדעס, ביז דעם „שפוך חמתך” און „חד גדיא—ואתא הקדוש ברוך הוא ושחט למלאך המות”... און דאס האט דיר געגעבען פארשטאנד, מוטה, גייסטיגע גבורה, אונענדליכען

מענשליכען נשמה גלויבען אין א בעסערע וועלט פון בליהען, שאפען, שמידען, און געזאנג. דער שיר השירים פון לעבען, אויך צו קענען פרעגען די אנגע־וועהטאגטע פראגען „מה נשתנה״, פארוואס האבען מיר געברענגט אזוי פיעל קרבנות, אריבער זעקס מיליאן די שעהנסטע און בעסטע פון די אידישע פאלקס גייסטיגע שעפער און בויער אין מזרח אייראפא... מה נשתנה הלילה הזה... און גלייכצייטיג צו שעפען אונענדליכען כח אין אונזערע אלטע אונשטערבליכע ניט צוגערויבטע, ניט אויסגעראטענע טיפע גייסטיגע נשמה אוצרות, לעגענדעס, אגדות פון נחמה, טרייסט, געטליכע נקמה, שפוך חמתך, ביז דעם לעצטען אקט, אז דער וועלט־שעפער אליין וועט אויסראטען דעם וועלט מלאך המות... די אומזיסטע טרערען, די קינות, און די וועלט וועט מיט שאפענדע נביאישע יסודות זאגען דעם גרויסען תירוץ אויף די קשיות, און ענדיגען מיט פרעהליכ־קייט צו דער גאנצער מענשהייט, שיר השירים, זמן חרותנו... על הרי בשמים...

אידישע זיהן! עת הזמיר הגיע! ווי שעהן זענען געווען דיינע געזאנגען, טענץ, אלערליי טענץ, פרעהליכע יוגענד טענץ, נאציאנאל רעליגיעזע טענץ, מיט די פארשידענע שירות ותשבחות, אידישע פאלקס לידער, אין די אידישע ימים טובים, שבתים, שמחת תורה, פורים און אנדערע אידישע שמחות, צוזא־מענקונפטען, שעהן, פרעהליך, פול מיט לעבען. אבער איצט ליידער ערבה כל שמחה, פארפינסטערט, צושטערט יעדע שמחה—אבגעהאקטע בוימער.

אידישע זיהן! אבגעהאקטע בוימער! „אבקשה את שאהבה נפשי״, איך זוך דיך, מיין טייערער זוהן, איך זוך דיך, אין אלע שטעדט און שטעדטלעך, אין אלע אידישע ישובים, אבער ליידער ניטא קיינער. „בתמרות עשן״, אלעס איז אוועק מיט׳ן רויך פייער. ווען מען האט מיט אונז און מיט אייך אידישע זיהן (לעצטענס שוין אויך מיט אידישע טעכטער) געלערענט די פסוקים פון שיר השירים, „קול דודי״, דער קול פון מיין פריינד, ער שפרינגט אויף די בערג, קריכט אויף די הויכקייטען, געהט אין פעלד, נעכטיגט אין די דערפער, שטעהט אונטער די ווענט... קוקט דורך די שפאלטען... (שיר השירים). מען האט פארטייטשט, אז דאס מיינט מען יציאת מצרים און אנ־דערע גלות׳ן און גאולה טרוים. לעצטענס איז דאס געווען א ווירקליכקייט. די אידישע געטאס, זייער לעבען, קאמף, זייערע באהעלטענישען אין די וועלדער, פעלדער און דערפער.... ניט קיין אגדה לעגענדע, נאר א ווירקליכקייט, גלות וגאולה, קאמף און לעבען ... „השמיעיני את קולך כי קולך ערב ומראך נאוה״... דיין בליק אלס קעמפער און רוף צו נקמה און קאמף פאר פרייהייט, איז הערליך העלדיש שעהן...

אידישע זיהן! אבגעהאקטע בוימער! די אגדה דערצעהלט, ווען מען האט געטריבען די אידען אין גלות, האט נבוכדנצר באפוילען, אז מען זאל די איד־ישע בחורים געבען זעק מיט זאמד צו טראגען, און מיט „האלץ צוגעבונדען צו די

פּיס, סאדיסטיש זיי פּייניגען און ערנידריגען גייסטיג מאראליש. ווען דער מקונן ירמיה האט דאס געזעהן האט ער ביטער א געשריי געגעבען „בני ציון היקרים". טייערע ציון'ס זיהן, „איך נחשבי לנבלי חרש". ווי צובראכענע ערד שערבלעך זענט איהר געווארען, און ער האט געפֿונען אבגעהאקטע צוריסענע שטיקער אברים פֿון די אידישע יונגע לייט, האט ער זיי געקושט, געהאלזט און געשרייען „מי יתן מותי עליכם", הלואי וואלט איך געפֿונען דעם טויט פֿאר אייך (מדרשים שונים).

אוי, 'בני מזרח אייראפא היקרים! ווי נעהמט מען היינט דעם ריכטיגען מקונן, וועלכער זאל באוויינען אייער אומגליק, וועלכער זאל קושען און האלזען אייערע אבגעהאקטע אברים, פֿון די קדושים (ניט האנדלען מיט קדושים). ווי נעמט מען איצט אדלער־פֿליגלען צו קענען פֿליהען איבער די קברים פֿון אונ־זערע קדושים און קושען, האלזען די אבגעהאקטע קערפּערס פֿון אונזערע זיהן, העלדען פֿון פֿאלק (און בכלל אונזערע קדושים), די קערפּערס פֿון אונזער קדשי קדשים—אבגעהאקטע בוימער.

אידישע זיהן, טייערע אידישע זיהן! ווען איך זעה דיך אין די קעמפּס, פֿארשטעה איך די אגדה, וועלכע דערצעהלט: ווען ר' יהושע בן חנניה איז געקומען אין רוים, האט ער דערזעהן אין די קעמפּ־תּפיסה א אידישען בחור, זעהר שעהן, „קוצותיו שחורות תלתלים", האט ער געפֿרעגט: „מי נתן למשוסה יעקב וישראל לבוזזים," ווער האט געגעבען אז יעקב זאל ווערען געטרעטען, און ישראל זאל ווערען צורויבט מיט שפּאט און שאנד?... האט דער בחור געענטפֿערט: „הלוא ד' חטאנו ולא אבו בדרכיו הלוך", גאט געגען וועלכען מיר האבען געזינדיגט, מיר האבען ניט געוואלט געהן אין זיינע וועגען... האט ר' יהושע געזאגט: „העבודה" איך שווער, אז איך וועל פֿון דאנען ניט אוועק־געהן ביז איך וועל איהם אויסלייזען... און האט זיין שבועה מקוים געווען. מיט דער צייט איז דער בחור געווארען א מורה הוראה ביי אידען, דער תנא ר' ישמעאל כהן גדול (גיטין נ"ו וע"ש היטב והבן).

אידישע זיהן! וואו נעהמט מען איצט ווער עס זאל זעהן דיין שעהנקייט אין די קעמפּס וואו דו ביזט געפֿאנגען, „מלך אסור ברהטים", ווי א געפֿאנ־גענער קעניג... ווען מען זעהט אז „הפח בחורים כלם ובבתי כלאים החבאו היו לבז ואין מציל משוסה ואין אומר השב" (ישעי' מ"ב) צורויבט, צובראכען די אידישע בחורים אין די קעמפּס איינגעשלאסען צו שאנדע אהן א רעטונג, אהן א טרייסט ווארט... זאל מען קענען געבען א געשריי צו דער וועלט און צו דער געטליכקייט: „מי נתן למשוסה יעקב וישראל לבוזזים" (שם) ווער האט געמאכט דאס פֿאלק ישראל צו שאנד און שפּאט, צובראכענע אבגעהאקטע בוימער. און עס זאל קענען געזאגט ווערען צו אידען אליין אויך, מען האט געזינדיגט געגען דעם גרויסען געטליכען באגריף, געגען דער מענשהייט, געגען יושר, צדק, משפּט, שלום, אמת. אויך האט מען פֿארגעסען אין פֿאלק, אין

אונזער לאנד, שפראך, פאלקס הייליגטום, אין דער צוקונפט פון אונזער יוגענד... עס פעהלט איצט דער גייסטיגער „שמיד" (ר' יהושע איז געווען א שמיד), וועלכער זאל קענען שמידען דאס פייערדיגע געטליכע ווארט, זאל קענען געבען די „שבועה", די הייליגע שבועה פון בלוט און טרערען, צו שטעהן אויף דער וואך, מקיים צו זיין „פדיון שבוים", העלפען אויסלייזען אונזער יוגענד, ברענגען זיי צו זייער ציל. זיי וועלען מיט דער צייט זיין די "מורי־הוראה", די פאלקס פיהרער, די אנווייזער פון דעם וועג פון אונזער פאלק, צו שאפען, בויען, שמידען אונזער צוקונפט, על הרי יהודה וירושלים.

טייערע אידישע זיהן! אבגעהאקטע בוימער! די אגדה דערצעהלט פון א חנה ושבעה בניה, א מוטער מיט איהרע זיבען זיהן, וועלכע האבען ניט געוואלט בויגען דעם קאפ פאר דעם סאדיסטישען רוימישען הערשער, זיך ניט געוואלט בוקען, און מיט שטאלץ אבגעווארפען אלע פארשלאגען פון שונא און געוויזען דעם גרויסען אונענדליכען מסירת נפש וקדושת השם צום כבוד פון אידישען פאלק, מיט די פסוקים אנכי, שמע ישראל א.א. פון די יסודות פון אידישען גייסט נצח ישראל, נצחיות האומה הישראלית. יא, אידישע זיהן! (אויך אידי־שע טעכטער), אין די קעמפס און געטאס האט איהר מיט ווירדע און שטאר־קייט, מכבים גבורה, אבגעווארפען אלע פארשלאגען פון שונא, און איהר האט ניט ערנידריגט אייער כבוד, ניט פאראטען אייער פאלק. אין די געז אויוועגס, געטאס, קעמפס האט איהר באוויזען אז איהר זענט אייניקלעך פון די חשמונאים, קינדער פון א אונשטערבליך פאלק וואס געהט אויף מסירת נפש וקדושת השם. איהר אלע זיבען: זיבען צווייגען אין אידישען גרויסען בוים— די מוטער בוים: 7 צווייגען, זיבען זיהן: אגודה, מזרחי, ציונים, בונד, פועלי ציון, פועלים דתיים, קאמוניסטען; אלע צוזאמען מיט א „אחד" באגריף האט איהר פארטיידיגט און הויך געזאגט „איך בין א איד" (דאס באוואוסטע ליד „איך בין א איד"). מיר בויגען דעם קאפ פאר אייך, מיר וועלען אין אייך קיינמאל ניט פארגעסען.

אידישע זיהן! זייט ניט פארצווייפעלט, געדענקט, אז ווען די רוימער האבען די אידישע זיהן געפיהרט צו שאנד, עקספערימענטען, האבען זיי גע־זאגט דאס גרויסע מסירת נפש ווארט „מבשן אשיב, מבין שיני אריות וממצולות ים" גיטין נ"ו), פון די טיפענישען פון די ים תהום'ען און פון די ציין פון ווילדע לייבען וועלען אונזערע נשמות ארוים געלייטערט, הייליג, ניט טמא, ניט פארשעמט. און מיט די ווערטער האט איהר באוויזען קידוש השם, זיך געווארפען אין ים. אויך איצט גלויבט, אז איהר, ווי איהר זענט איצט אין תהום'ען פון אונגליק, צווישען די ציין פון ווילדע לייבען, ווילדע חיות, וועט איהר באווייזען אזא מסירת נפש, עקשנות'דיגען קאמף צו תחיה, אויפלעבונג, שאפען און בויען, אז עס וועט זיין א נס, א וואונדער, אונפארשטענדליך פאר דער גאנצער וועלט, אייערע ליידען פון חבלי משיח וחבלי הגאולה, הויך,

שטאָלץ טראָגט איהר דעם גרויסען הייליגען נביאישען טרוים פון אויסלייזונג, גאולת ישראל וגאולת העולם.

אידישע זיהן. איהר זענט געווען און איהר וועט זיין היה, הוה ויהיה, די קעמפער, די שעפער, זינגער, פון לעבען, פון אויפבויען די צוקונפט פון אונזער אונשטערבליך פאָלק.

שיר השירים אשר לשלמה, בחורי ישראל! חזק ואמץ!

אידישע קינדערלעך

אידישע מאמעס

יוגתי תמתי— יונגע טייבעלעך, צאן קדשים — הייליגע שעפסעלעך.
די טראַדיציאָנעלע משה רבינו'ס יאָהרצייט, ז' אדר א', תש"ו.

אידישע קינדערלעך צאן קדשים! בטרם אצרך, איידער דו ביזט באשאַפען געוואָרען, איידער דו זעהסט די ליכטיגע שיין פון דער וועלט, ביזטו שוין באַרופען זיין א אידיש קינד, ישראל קדושים, צאן קדשים, ריכטיג, אשר קידש ידיד מבטן, דאָס אידישע ריינע צניעות'דיגע פאמיליען לעבען, און אידישער אָנגאַנג אין משך פון פילע הונדערטער דורות, האָט צוגעגרייט דאָס געבוירען פון אידישען קינד, מיט די ספעציפישע אידישע נייגונגען, אייגענשאַפטען, די גאַנצע פסיכאָלאָגישע תורה אויפפאסונג, צו קענען אויפוואַקסען דער טיף פון איד, עם ישראל, בני הנביאים, מארטירער, שעפער פון גייסט, באַגרינדער פון אמונת האחדות, מאָנאָטעאיזם, געטליכע הייליגקייט, קודש קדשים באַגריפען, צו געבען די וועלט, תורות, נביאים, מאָראַל, אייביגקייט, נצחיות, אונשטערבליכען באַגריף אייניגקייט.. „והיו לבשר אחד"... די אידישע קינדערישע נשמה איז פון „אוצר הנשמות", פון אונטער דעם געטליכען כסא הכבוד, אָבגעהיטען פון אומריינקייט, טומאה, אכזריות... אויך די שכינה הקדושה לערנט מיט'ן קינד, אין דער מאמע'ס בויך, תורה, די גאַנצע תורה. א געטליך ליכט, א הייליגער נר תמיד, באַלייכט זיין קאָפ (בתלמוד). אויך ארויסקומענדיג אויף דער זינדיגער וועלט האָבען אונזערע עלטערען, מאמעס, אידישע פאָלקס מאַמעס, מיט מוטערליכע פאַרזיכטיגקייט געהיטען די קינדערלעך אונטער הייליגקייט... און געזונגען צום קינד אידישע הארציגע, נאַאיווע, סענטימענטאַלע קינדערישע פאָלקס לידער, פאָלקסטימליכע טענער, געזאַנגען, קלאַנגען, און פאַרוויגט איהם מיט זיסע חלומות... אונטער דעם קינד'ס וויגעלע... ראָזשינקעס מיט מאַנדלען... שלאָף, איך זינג דיר א ליד, דו ביזט א איד... א.א.

די אגדה דערצעהלט: די מוטער פון תנא ר' יהושע בן חנניה, די אָרימע פאָלקס פרוי, האָט דאָס וויגעלע פון איהר יונג יתומ'ל (ווען ער איז געבוירען

געווארען איז זיין פאטער געשטארבען) אריינגעשטעלט אין בית־המדרש, כדי דאס קינד זאל זיך אנזאפען, איינהערען זיך אין די קלאנגען פון „קול תורה". ער איז דערצויגען געווארען אין ארימקייט, אבער דאס האט איהם ניט גע־שטערט, אז ער זאל אויפוואקסען דער גרויסער תנא און חכם, איינער פון די גרעסטע תנאים, ריכטיג ווי דער תלמוד זאגט „הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה", זייט געווארענט, אכטונג, צו די קינדער פון דער אידישער פאלקס מאסע פון זיי קומען ארויס די גרויסע תורה גייסטער און דורך די הייליגע תורה קלאנגען האט זיך אונענדליך אין זיין יונגער, קינדער נשמה, דורך „אונטערגרונד" באוועגונג, ענטוויקעלט דער גרויסער כח פון „הקול קול יעקב", מיט וועלכען ער האט זעהר אפט באקעמפט די „ידים ידי עשו" פון יענע רוימער (בכמה מקומות בתלמוד). און אזוי אין אלע דורות האבען אידישע מוטערס, פאלקס פרויען, דערצויגען זייערע קינדער, די ערציאונג האט זיך אנגעהויבען פון געבוירען, פון וויגעלע, אונטער אידישע פאלקס קלאנגען, לידער, געזאנגען, וואס זענען געווען אין דעם תוך, דער אינהאלט פון די אידישע שירים, קינות, דאס „פינטעלע איד," דער אינ־האלט דער גייסטיגער ניט באארבייטער בארדען, צו קענען וואקסען א איד... געהן דעם מארטירער וועג, זיין דער נביא לגוים...

אידיש קינד! איצט נאך דעם גרויסען חורבן בלוטיגט אונזער הארץ, וועהטאגט אונזערע נשמה צו וויסען, ווי אזוי ביזטו דערצויגען געווארען, ווער האט דיר דאס „וויג־ליד" געזונגען, וואו איז דיין „קינדער־וויגעלע" געשטאנען, וואס פאר א לידער, וועלכע קלאנגען אידישע, מוטערליכע סענטימענטאלע האסטו געהערט, מיט וואס פאר א חלומות ביזטו איינגעשלאפען... האסטו דיך אנגעהערט די וויסטע בלוטדורשטיגע ווילדע חיות'דיגע געשרייען פון די טמאים, אכזרים? האסטו בכלל געהאט א מאמע'ן, האט דיך א מוטערליכע ווארימע האנד ארומגענומען, האט ווער רחמנות'דיג סענטימענטאל מיט מוטערליכע ליבע איבער דיר געוואכט, האט א צארטע האנד דיינע שעהנע קינדישע לאקען געגלעט, האבען דיינע קינדישע בא'חנ'טע איינגעלעך אין בענקשאפט איינגעשלאפען.. אוי! אייז־קאלט, הארט, פארוויסט, פאר־שטומט איז אלעס געווארען, מיין טייער, ארים, עלענד קינד.

הילד בוכה, מילדי העברים זה! אידישע טייערע קינדערלעך! די אגדה דערצעהלט פון די ליידען פון די ערשטע אידישע קינדער. דער אכזר פרעה האט גוזר געווען, אז מען זאל אלע אידישע קינדער ווארפען אין וואסער, אויס'הרג'ענען אלע. האבען די אידישע מוטערס, דורך גרוים מסירת נפש, דורך פארשידענע „אונטערגרונד" וועגען, זיך אויסבאהאלטען אין די פעלדער, און די קינדער זענען דערהאלטען געווארען דורך א נס אין די טיפקייטען און היילען, און דורך נסים אונפארשטענדליכע, „אונטערגרונד־נסים" זענען זיי געשפייזט און דערצויגען געווארען. די אידישע פרויען האבען געטריי, הייליג,

צניעות'דיג מיטגעליטען, שווער און ביטער, מיט די מענער ביי דער שקלאפען ארבייט. און ווען די ריכטיגע גאולה איז געקומען, ביי דעם ים, האבען די קינדער, פון דער „אונטערגרונד", גראדע זיי האבען די ערשטע דערקענט דעם אידישען גאט, דעם „גבור עושה מלחמה"... זיי האבען געזאגט שירה און געטייטעלט מיט זייערע פינגערלעך „זה אלי ואנוהו"...

אויך ווען פרעה איז א מצורע געווארען, אומריין, האבען יענע וויסענ־שאפטס מענער, מעדיצינער, געמאכט עקספערימענטען, אז מען זאל שעכטען אידישע קינדער אין דער פריה און אין אבענד, און פרעה זאל זיך באדען אין בלוט, וועט ער געזונד ווערען. דאן איז דער געשריי פון אידישען פאלק, פון טאטעס און מאמעס, געגאנגען צום כסא הכבוד... און עס איז דערהערט געווארען דער געשריי, עס האט זיך ענטפלעקט דער נביאישער גייסט צו משה'ן צו זיין דער גואל.

משה אליין האט אויך זעהר פיל געליטען, געווען באהאלטען „אונטער־גרונד", און מען האט איהם אין א קעסטעלע געווארפען אין טייך נילוס, אין דעם טייך פון די ווילדע אכזריות'דיגע קראקאדילען, אין ארט פון א זיכערען טויט, אבער דורך א נס איז ער ניצול געווארען... מען האט דערזעהן אז דאס קינד וויינט... מוז דאס זיין א אידיש קינד... ווייל דער געוויין פון א אידיש קינד איז דער געוויין פון דורות פון טויזענדער מארטירער, קדושים... אוי, ווי רחמנות'דיג א אידיש קינד וויינט.

יונתי תמתי! טייערע אידישע טייבעלעך קינדערלעך! ווען איך הער און לייען דיין איבערלעבונג אין די קעמפס, ווי מען האט סאדיסטיש אכזריות'דיג געווארפען די אידישע קינדערלעך אין די גאז־אויוועגס, ווי מען האט זיי מיט געוואלד אוועקגעריסען פון דער מוטערס ברוסט, פון דעם פאטער'ס שויס, ווי מען האט זיך ממש געמאכט בעדער פון זייער בלוט—דאס אומשולדיגע בלוט איז דער בעסטער מיטעל צו היילען אויסוואורפען, אומריינע מצורעים אין אלע צייטען—ווען מען האט זיי אין דער נעגענוואורט פון זייערע עלטערען צוריסען אויף שטיקער, צוהאקט די יונגע שעהנע קינדערשע קעפלעך אין די ווענט, און אנדערע מיתות משונות און אכזריות, מוז מען געבען דעם שמערצליכען טיפען אנגעוועהטאגטען אידיש מענשליכען געשריי, אז דער כסא הכבוד זאל דער־ציטערט ווערען, און מאהנען נקמה, זאגען „אשרי שיאחז ינפץ את עולליך אל הסלע" (תהלים קל"ז), ווען וועט נקמה קומען!...

הבן יקיר לי, ילד שעשועים! טייערע אידישע קינדערלעך! שעהן, הייליג, בא'חנ'ט זענען געווען דיינע אידישע קינדער שפילען, פארוויילונגען „אונטער די גרינע בוימעלעך, שפילען זיך משה'לעך שלמה'לעך, קאפאטעלעך, ציצית־לעך, פאה'לעך, שעהן ריין יונג ווי די פרישע אייעלעך" (פאלקס מאטיוו). זכור אזכרנו עוד, איך געדענק זיי נוט. דאס „חנוכהדרדיידעל מיט'ן אויפשריפט נ.ג.ה.ש." די באדייטונג נס גדול היה שם, א גרויסער נס איז דאן געווען, דער

אונפארשטענדליכער נס פון דעם היסטארישען קאמף און נצחון: רבים ביד מעטים, טמאים ביד טהורים, דער ערשטער „מכבים" קאמף, חשמונאים נצחון, און די קינדערלעך האבען געדרעהט מיט דעם דריידעל אין אלע זייטען!...

איז דאס דען ניט געװען דער סימבאל, ערציאונג, אנזאג צום קינד. „דו װעסט מיין קינד ערצװינגען װערען, דיינע צרות מיט, פון אלע זייטען װעסטו הערען, געה װאנדער דו ביזט א איד"... (פאלקס מאטיװ.) דאס האט געגעבען דעם קינד אן אונענדליכען אונטערבאװאוסטזיין אז ער װאנדערט, דרעהט זיך אין אלע ארבע כנפות הארץ... און לעבט מיט נסים, מיט'ן אינערליכען כח פון הייליגקייט, שטארקייט, קינדער פון מכבים־חשמונאים...

יא, טייערע אידישע קינדערלעך, צאן קדשים! זכור אזכרנו עוד, איך געדענק דאס זעהר גוט, איך גלויב און האף, אז דער איינדרוק פון די אידישע קינדער'ס שפיל האט נאך איבערגעלאזט גרויסע טיפע ניט איבער־געהאקטע װארצלען, און עס װעט זיך נאך ענטװיקלען אין אייך די סימבאלען פון דעם. די שטארקייט פון מכבים חשמונאים, העלדישקייט פון בר־כוכבא, ר' עקיבא, די דרייסטקייט פון א ר' עקביא, די דרייסטקייט פון א ר' שמעון בן יוחאי, צו זאגען דעם שונא די ריכ־טיגקייט... (שבת ל"א), דער אנגעװעהטאגטער ניט פארגעסענער כעס, נקמה אין די המנ'ס... און צו טראגען הויך און שטאלץ די פאהן פון פרייהייט, בדמייך חיי.

רחם ארחמנו! אידישע קינדערלעך! אין די הייליגע טראדיציאנעלע פאלקס טימליכע תפילות פון ראש־השנה ויום כפורים זאגט מען: „אבינו מלכנו חמול עלינו ועל עוללנו וטפנו," גאט האב רחמנות אויף די קליינע קינדער, „עשה למען יונקי שדים שלא חטאו גמולי חלב שלא פשעו", די יונגע אונשולדיגע קינדערלעך װעלכע האבען ניט געזינדיגט... די תפילה רייסט זיך ארויס אינ־סטינקטיװ, פון ממעמקים, פון טיפעניש פון אידישען הארץ. איצט מוזען מיר געבען דעם אנגעװעהטאגטען געשריי צו אלע, צו דער גרויסער װעלט, צום כסא הכבוד, צו דער שכינה הקדושה: רחמנות צו די ארימע אונשולדיגע יונגע קינדערלעך, שעפסעלעך, אבסאלוט אונשולדיגע, ניט זינדיגע.

אידישע קינדערלעך, זייט ניט פארצװייפעלט. דאס אידישע פאלק, איבער־הויפט די אידישע פאלקס מאסען, די אידישע פאלקסטימליך מענשליך אידיש הארץ, נשמה, דורכגענומען מיט סענטימענטאלע נביאישע ליבע, רחמנות, צו אומגליקליכע עלענדע, װעלען זיין דיינע מוטערס, טרייסטער. דאס אידישע פאלק װעט ארויסװייזען דעם הויכען אידישען פאלקס באגריף פון אהבת ישראל דורך מסירת נפש, דער יסוד פון דעם אידישען הייליגטום, תורה נאציאנאל רעליגיעזען מענשליכען גייסט, און זיי װעלען דיך האלטען הייליג און טייער, דיך ערציהען צו זיין געטרייע זיהן צום אידישען פאלק.

ילד שעשועים! חזק ואמץ בדמייך חיי!